STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10217

NAYE VERK

Abraham Reisen

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גרויסע ביבליאָטעק.

אברהם רייזען.

נײַע ווערק

דריטעס בוך

ערצעהלונגען.

(נײַע זאמלונג).

פּרעמיע צום „מאמענט“ אין יאדר 1914

וואַרשא, 1914.

פערלאג „ביכער-פאר-אלע“, מיאַדאָווא 1.

דרוק מ. קרינסקי, נאלעווקי 38.

НОВЫЯ СОЧИНЕНІЯ

А. Рейзина.

Томъ третій

Изданіе „БИХЕРЪ-ФАРЪ-АЛЭ“, Медовая 1

ВАРШАВА, 1914.

Типографія М. КРИНСКАГО, Налевки 38.

דער פּראָלעטאַרישער רעדאַקטאָר.

(אַ גאַליציאַנישע הומאָרעסקע).

ארײַן צו מיר אין צימער איז ער אונגעריכט. ער האָט אײַך שהיר ניט אָנגעקלאַפּט; צי ער האָט ניט געוואוסט, אַז מען דאַרף אָנקלאַפּען, צי ער האָט פֿון אַזעלכע נאַרישקײַטען ניט געהאַלטען — גוטער יאָהר ווײס איהם, אַלענפֿאַלס בין איך אויף איהם ניט בײז געװען — צו אַזעלכע אונגערוואַרטעטע בעזוכען בין איך שוין אין גאַליציען געוואָהנט געװען.

ער האָט אויסגעזעהען אַ יאָהר פֿיער־פֿינף און צוואַנציג, פֿון מיטעלמעסיגען וואוקס אָרים געקליידט, אָבער דאָך ווי אַנ׳אינטעליגענט, וועניגסטענס ווי אַנ׳אינטעליגענט אין גאַליציען, האָטש קײן קראַוואַט האָט ער ניט געטראָגען, דערפֿאַר אָבער איז דער קראַגען געװען גענוג שטײַף, חאָטש ניט וועניג ברודיג... די שיך זענען געװען ניט נור ניט געפּוצט, נאָר אַפּילו קויטיג. עס איז אָבער געװען קענטיג, אַז ניט געפּוצט האָט ער זײ בכּיון, כּדי די לאַטעס זאָלען ניט זײַן אַזוי בולט.

דערפֿאַר אָבער האָבען זײַנע טאַשען פֿון ראָק, וועלכער איז אָבגעשפּילעט געװען, עדות געזאָגט, אַז ער איז ניט נאָר אַנ׳אינטעליגענט, נאָר טאַקע אַ גײַסטיגער מענש: זײ זענען געװען אָנגעפּאַקט פֿול מיט פּאַפּירען, אַזוי, אַז דער מאָגערער בעזוכער מײַנער האָט אויסגעזעהן גאַנץ דיק...

איך האָב פֿערשטאַנען, אַז איך האָב דאָ צו טהון מיט אַ קאָלעגע, ד. ה. מיט אַ שרײַבער, און איך האָב שוין גענומען זוכען מיטלען, ווי אַזוי אויסגעלײזט צו ווערען פֿון איהם.

דאַסמאָל האָב איך מיך אָבער טועה געװען, עס איז ניט געװען קײן שרײַבער, נאָר אַ סך, אַ סך העכער פֿון אַ שרײַבער.

אברהם רייזען.

שטעלט זיך פאר, אז דער דאזיגער יונגערמאן איז געווען
א רעדאקטאר, און ניט נאר א רעדאקטאר פון סתם א צייטונג'ל,
נאר טאקע דער רעדאקטאר פון בעריהמטען פראלעטאריש-נאציא-
נאל-פועלי-ציוניסטישען זשורנאל: „אונזערע פאדערונגען", וועלכער
איז שוין ערשיענען אין פערלויף פון צוויי יאהר אין 7 נומערן און
האט אנגעמאכט צווישען די פארטייען א גרויסען שטורם מיט זיינע
שארפע ארטיקלען און מיט זיין קריטיק געגען דער טאקטיק פון
די מארקסיסטען ...

נארטירליך, דאס בין איך אלץ דערגאנגען נאכדעם, ווי ער
האט עס מיר אליין איבערגעגעבען ...

– יא, יא! – האט ער געענדיגט די ביאגראפיע פון זיין
זשורנאל. עס קומט אויס גענוג צו קעמפפען מיט דער פעדער,
אבער זיעגען וועלען מיר. די לעצטע נומער „אונזערע פאדערונגען"
איז זיך פונאנדערגעגאנגען אין דריי הונדערט פופציג נומערן...
און די נומער, וועלכע איך נעה איצט פערענדיגען, רעכענען מיר
דרוקען אין פינף הונדערט עקזעמפלארען ...

דערהערענדיג פון אזא ערפאלג פון „אונזערע פאדערונגען",
האב איך שיער-שיער ניט ארויסגעכאפט זיך מיט א פארשלאג צו
ווערען א מיטארבייטער. צום גליק האט דער רעדאקטאר פון „אונזערע
פאדערונגען" זיך קענטיג דערמאהנט וועגען וואס ער איז געקומען
און ער האט פערהאפט:

– אבער איין פעהלער האט אונזער ארגאן. מיר האבען די
בעלעטריסטישע אבטיילונג אינגאנצען פערנאכלעסיגט. אין די עטליכע
נומערן, וואס זענען ערשיענען, איז נאך קיין איין ערצעהלונג ניט געווען.

אלס בעלעטריסט אליין, האב איך זיך אנגערופען:

– דאס איז ווירקליך א גרויסער פעהלער. בעלעטריסטיק מוז
פערנעהמען א וויכטיגען פלאץ אין א זשורנאל.

– מיר ווייסען עס... האט ער היציג זיך אנגעהאפט... מיר

האלטען שטארק פון דער שענער ליטעראטור. אין אונזערע קרייזלעך לעזען מיר זאגאר פאר נאך די „דיסקוסיעס” ערצעהלונגען פון די גרעסטע יידישע שרייבער. ביז אהער איז אבער פאר בעלעטריסטיק קיין פלאץ ניט געווען, דער קשאנאווער שטרייק פון די האניגניסער האט דעם גאנצען פלאץ פערנומען, שטעלט זיך פאר: פינף האניג־ניסער האבען צוויי יאהר געשטרייקט און אין יעדער נומער האט מען געמוזט אבגעבען בעריכטען וועגען דער שטימונג פון די ארבייטער און די בעלי־בתים. דער שטרייק אין געווען א פערביסענער פון ביידע צדדים, אנגעפיהרט דעם שטרייק האט טאקע אונזער פארטיי און אט צוליעב דעם איז קיין פלאץ ניט געווען פאר דער שענער ליטעראטור ..

— נו, און איצט? — האב איך געפרעגט.

— איצט — האט ער געענטפערט — האלט מען זיך שוין ביי אויסגלייכען און עס איז א סברא, אז אין דעם נומער זאל קאנען אריינגעהן א בעלעטריסטיש זאכעלע, פון א 30—40 שורות ... און טאמער וועט זי זיין צו גרויס פאר איין נומער, וועט מען זי טיילען אויף צוויי מאל און מען וועט אונטען שרייבען: „פארטזעצונג קומט”...

— ענדע קומט... האב איך איהם פערריכט...

— איך מיין טאקע „ענדע קומט”... האט ער זיך פערשעמט און איז רויט געווארען, פון וואס ער איז געווארען א סך הנו׳דיגער...

— וואלט איך טאקע וועלען — האט ער פארטגעזעצט — אז איהר זאלט ספעציעל פאר אונז עפים אנשרייבען א זאכעלע. עפים אזוי, פערשטעהט איהר מיך, פון ארבייטער לעבען, עפים אזוי — אנ׳אגיטאציעלע... איהר פערשטעהט — עס זאל דעם ארבייטער דורכנעהמען...

— איך וועל מיך פלייסען! — האב איך צוגעזאגט...

— יא, יא! פלייסט זיך! האט ער זיך געבעטען, ווי עס וואלט איהם געגאנגען אין לעבען... גלויבט מיר, איהר ווייסט גארניט

וואָס פאַר אַ פּובליקום מיר האָבען... מען שלינגט יעדעס וואָרט... מען שלינגט...

— אַז עס איז ניטאָ וואָס צו עסען, שלינגט מען ווערטער — האָב איך זיך געוויצעלט פאַר'ן רעדאַקטאָר...

דער וויץ איז איהם געפעלען געוואָרען. איך האָב קענטיג געטראָפען אין פינטעל אַריין. דער רעדאַקטאָר האָט אַ זיפץ געטהון, פערגלאָצט די אויגען צום באַלקען און האָט זיך אָנגערופען:

— דאָס איז ניט קיין וויץ — עס איז טאַקע אַנ'אמת — דער פּראָלעטאַריאַט אין גאַליציען האָט ניט צו עסען... און אָט דאָס קעמפפען מיר טאַקע.

— אלזאָ וועל איך אייך די זאַך צושיקען, האָב איך ענדליך פערזיכערט. גיט־זשע מיר דעם אַדרעס פון דער רעדאַקציע...

— דער אַדרעס... דער אַדרעס... האָט ער געשטאַמעלט... דער אַדרעס... די רעדאַקציע, פערשטעהט איהר מיך, האָט ניט קיין שטענדיגען אַדרעס... וואו איך וואהין, דאָרט איז דער אַדרעס...

— נו, טאָ זאָגט מיר, וואו איהר וואהנט...

— חי־חי־חי! האָט ער זיך חנו'דיג צולאַכט... אָט דאָס איז טאַקע די מעשה, וואָס איך האָב שוין אַ פּאָר וואָכען קיין וואהנונג ניט...

— טאָ וואו־זשע געפינט זיך פאָרט די רעדאַקציע? האָב איך געפרעגט אַביסעל פער'חדוש'ט...

— ביי מיר אין די קעשענעס... האָט ער מיר מיט אַ זיפץ אונבעוואָרגטען שמייכעלע אָנגעוויזען אויף די אָנגעפּאַקטע טאַשען... עס קאָן אָבער זיין, אַז די פּאַרטיי זאָל פאַר מיר די טעג קריגען ערגעץ אַ דירה... וועל איך אייך שוין געבען צו וויסען...

און דערמיט איז, נאָך דער בעלעטריסטישער בעשטעלונג, דער „פּראָלעטאַרישער רעדאַקטאָר" אַרויס פון מיין צימער, אַ פרעהליכער, אַ גליקליכער, וואָס די קינפטיגע נומער וועט האָבען בעלעטריסטיק אויך... וואָלט נור געווען אַ דירה!

אין בריסטאָל.

(מאָנאָלאָג).

זינט עס האָט זיך אויסגעבויט בריסטאָל, שוין אַ מעשה פֿון צוויי יאָהר, קאָלט ממש וואַרשוי, און פֿרעג וואָס, פֿרעג ווען! אָט בין איך געלטען ביי נאַכט מיט „מיינער״ געווען... מילא, וואָס זאָל איך טהוען? אַ יונגער מאַן, ערשט אַ יאָהר נאָך דער חתונה, זי וויל האָבען פֿערגעניגען, — האָב פֿערגעניגען — קום אין בריסטאָל! חאָטש פֿערמעגען פֿערמעג איך עס דאָס ניט — פֿון די 50 רובל שכירות, וואָס איך נעהם ביי מיין גראָבען פֿעמפיק, איז דאַנקען גאָט, אַז מען לעבט זיך דורך מיט עסען און אַ בגד און ניט מיט בריסטאָל, נאָר מילא גאָר נישט, עס איז היינט אַזאַ אַ וועלט, אַז אַלץ טהוט מען איבער'ן כח; בין איך געגאַנגען אין בריסטאָל.

געגאַנגען אין בריסטאָל! ריידען רעדט זיך עס גאַנץ גרינג, אָבער ביז וואַנען מיינע איז פֿאַרטיג געוואָרען מיט איהר טואַלעט, איז ניט אַזוי גרינג געווען. זי איז שוין דאַכט זיך פֿאַרטיג, אָנגעטהון דאָס בעסטע קלייד, פֿערקאַמט זיך „סעצעצע״ —

„קום שוין“! שריי איך – און זי – גאר נישט, טשעפעט אן, וואס עס געפינט זיך נאר אין אלמער – „קום שוין! – שריי איך ווייטער: געגוג דיר צו פוצען זיך“... „בריסטאל, נארעלע“, ענטפערט זי. – „פששש... לאך איך: וואס איז מיר בריסטאל“... „שיסער מיינער! – לאכט זי צוריק... פאמעליך“! מילא בקצור, עס האט געדויערט צוויי שעה אויפ׳ן זייגער, איך בין אייך אויף נאמנות ניט מגזם – ביז זי איז פארטיג געווארען. אמת, זי האט אויסגעזעהן, ווי א בת־מלכה: – עס איז געוועזען א נחת א קוק צו טהון אויף איהר. „מיט אזא פלונית׳טע, האב איך געקלערט, מעג איך ניט נאר געהן אין בריסטאל, נאר אפילו צום גובערנאטאר אויף א באל“. מילא, בקצור – מיר זענען אוועקגעגאנגען.

צוגעגאנגען צום בריסטאל, מוז איך אייך זאגען, האט מיר א קלאפ געטהון אין הארצען און איך בין געווארען פארציטערט. און איהר דארפט וויסען, אז קיין טרוס בין איך ניט. איך האב שוין פיער יאהר דעם קייזער געדיענט, געטראגען דעם פריקאז צו די גרעסטע אפיצירען, געוועזען אויף א צארסקע מאנעווירע, און איצטער איז א סברא, אז מען וועט דארפען ווידער געהן שיסען, האלט דערביי... פון דעסטוועגען – גאר נישט. וואס איז די מורא?... ביי דער טהיר פון בריסטאל בין איך אבער א טויטער געבליבען. קארעטען איינע נאך די אנדערע פליהען צו ביז דער סאמע טהיר, ס׳שפרינגען ארויס מאנארכעס, פריצים, גראפען!... היינט די עלעקטריע ביי די זייטען, ליכטיג ווי ביי טאג, און ביי די טהירען שטעהען די שווייצארעס, אנגעטהון אין גאלד און אין זילבער, עפענען יעדערען און פערמאכען נאך יעדערען די טהיר – עס קעהרט די וועלט. אין מיטען דערינען וועט אריינקומען עפעס אזא מין יידעל, ווי איך... די מעשה איז דאך אזוי, וואס זאל מען זיך נארען? ווער בין איך? א נ׳ארימער פריקאשטשיקעל...

— נו, וואָס האָסט דו זיך אָבגעשטעלט? פרעגט מיך מיינע זעהענדיגע ווי איך בין שטעהן געבליבען.

— וואַרט, לאָז מיך אָבחאַפּען דעם אָטהעם! ענטפער איך: איך קען דאָך ניט אַריינגעהן אין בריסטאָל און סאָפּען ווי אַ גאַנז.

— נו, חאַפּ דעם אָטהעם, ערלויבט זי מיר, און איך זעה, ווי זי אַליין איז אויך שטאַרק צורודערט; אפנים, זי איז אויך ניט קיין גרויסע גבור'טע. זי שרעקט זיך אויך.

מיר שטעהען אַזוי ביי דער טהיר און חאַפּען דעם אָטהעם און קוקען דערווייל אויף די, וואָס געהען אַריין און אויף די, וואָס געהען אַרויס, און איך האָב ניט קיין העזה אַריינצוגעהן טהון די טהיר.

— ווייסט, ביילקעלע, וואָס איך וואָלט דיר געזאָגט? זאָג איך מיט אַ גוטינקען שטיבעלע צו מיינער...

— וואָס? פרעגט זי מיר.

— לאָמיר געהן אַהיים... פאָלג מיר! וואָס וועלען מיר דאָ טהון?

— נעה שוין, געה! וויל זי ניט. נאַרעלע, מאַכט זי מיר מוטה, וואָס האָסט דו מורא — קום אַריין!

מילא, וואָס זאָל איך אייך זאָגען, אַז איך האָב כח געהאַט צו עפענען די טהיר, בין איך דער גרעסטער גבור אין דער וועלט, מעהר גבור ווי נאַפּאָלעאָן. כ'לעבען, לאָמיר זיך ניט נאַרען — ווען האָב איך געהאַט די געלעגענהייט צו אַריינגעהן אין אַזאַ אָרט!

מילא, אַריינגעגאַנגען. אין די אויגען האָט מיר געגעבען אַ בליאַסק צעהנדליגער לאָמפּען, ליכטיג ווי ביי טאָג. איך פיהל, ווי דער קאָפּ פערדרעהט זיך מיר און אָט-אָט פאַל איך אַנידער. איך זוך אַן אָרט צו צושפּאַרען זיך — נישטאָ, אַלע טישעלעך ביז איינעם פערנומען, חאָטש נעהם און שריי חי-וקים... איך לאָז זיך געהן, זי נאָך מיר, זוכען אַ טישעל, און איך פיהל, ווי טויזענד אויגען לעבערען מיר די פּלייצע! און אפשר האָט זיך מיר געדאַכט. עס

קען זיין, אז קיינער האט גאר ניט געקוקט. בקצור, קוים מיט צרות נעפונען גאר ביים עק, ערגיץ געבען די זאלען, א קליין טישעלע, מיט איין שטוהל אבער. שלעכט! וואס טהוט מען? איך זאל זיך זעצען — פאסט ניט: דאמען=עהרע! אין דער היים אפילו קוק איך דערויף ניט, אבער אין בריסטאל קען מען ניט זיין קיין חזיר... פערקעהרט, איך זאל לאזען איהר זיך זעצען — איז עפעס אויך ניט פאסיג: די דאמע זיצט און דער „הערר" שטעהט, ווי א באק... איך בין אזוי צוטומעלט געווארען, אז איך האב ניט געוואוסט, אויף וואסער וועלט איך בין, איהר קענט אייך פארשטעלען, אז אויפ'ן באלקען האב איך געזוכט א שטוהל... געהויבען די אויגען און געזוכט, ווי איך בין א ייִד!... מילא, "מיינער" בין איך ניט מקנא געווען, זי איז געשטאנען, ווי א גלאמפ, און האט געקוקט, ווי א האהן אין בני=אדם. איך האב פערשטאנען, אז זי האט חרטה אויף איהר גאנצען אויפטהו. עס האט זיך מיר געוואלט זאגען איהר: אהא, ווערסט ווייטער וועלען געהן אין בריסטאל?! נאר איך האב ממש אויף איהר רחמנות געהאט מילא, בקצור מיר זענען געשטאנען ביידע, אזוי ווי די בעק, אודאי 10 מינוט, אויב ניט מעהר, ביז נעבען אונז איז לעדיג געווארען א טישעל. דאנקען גאט, מיר זיצען שוין. דערמאהן איך זיך אין מיטען, אז איך זיץ אין אויבער=בגד און אין הוט, ווייס איך ניט, צו וועט מען דערפון לאכען צו ניט. א קוק טהון אויף לייט, זעהן ווי זיי טהוען — האב איך פשוט מורא. מיר ראכט זיך, אז עס זיצען סאמע בערען... פון דעסטוועגען שטארק איך מיך און ווארף א בליק אויפ'ן עולם, און דערזעה גאט צו דאנקען א יונגעןם אן, וואס זיצט קענען איבער אין א צילינדער, בין איך שוין אביסעל רוהיגער געווארען. אמת, איך האב געקלערט, אפשר אין א צילינדער פאסט יא, און אין א קאפעליוש — ניט. נאר מילא, קיין סכנות שטעקט שוין ניט; האמיש היים איז מיר, אז ממש דער שוויס רינט טראפענווייז, א קלייניג-

קייט — פון דער בעליידיגונג אליין קען זיין ווארים אין גרעסטען פראסט. נאר מילא, די הייסקייט בין איך שוין מוחל, אבי נעקריינען א שטיקעל ארט, וואו דעם קאפ אנצושפארען.

מיינע איז שוין אויך אביסעל צו זיך געקומען. איך האב געזעהען, ווי זי קוקט שוין אביסעל זיכערער און שמייכעלט:

— א, וואס דא מהוט זיך — ווי רייך!

עס פערשטעהט זיך, אז איך בין אויך נתפעל פון אלץ, נאר איך האלט זיך איין און זאג איהר:

— עט, וואס זעהסט דו דא אזוינס?

מילא בקיצור, מיר זיצען אב נאך צעהן מינוט און מיר ווייסען ניט, וואס צו טהון. די קעלנערס, ווי גראפען, לויפען אום פון איין טיש צום צווייטען, פרעגען פונאנדער ביי די געסט, וואס ווילען זיי, דערלאנגען אלץ, און צו אונז שמעקט מען אפילו ניט. וואס איז דאס? דאס איז דאך עפעס א בעליידיגונג. פון וואנען ווייסט דו, קעלנער, ווער איך בין, און וויפיעל שכירות איך נעהם! אנגעטהון, גאט צו דאנקען, דאכט זיך, בין איך ניט ערגער ווי לייט, דער אויבער-בגד אליין קאסט מיר 40 רובל, דער סורדוט אויך אזוי פיעל, פאר דעם קאפעליוש האב איך אויף סוכות אבגעצאהלט פיער קערבלעך — דאכט זיך ארענטליך. ווער רעדט, מיין מאדאם איז דאך אויסגעפוצט אין עסיג און אין האניג! בקיצור, איך בין שטארק אין כעס. און אז איך בין אין כעס, אזא נאטור האב איך, קוק איך אויף קיין זאך ניט. קלער איך — איך וועל צורופען א קעלנער, עס מעג זיך עקען די וועלט. געטראכט און געטהון: עס נעהט פארביי איילענדיג א קעלנער מיט א צעטעל — איך רוף איהם „פראשע פאניע". „פראשע פאניע", ווייס איך אפילו, פאסט ניט צו זאגען א קעלנער. ווארים ווער איז ער? א משרת... נאר זיי געהן אזוי רייך געקליידט, אז רופען זיי פראסט איז פשוט א מורא. נאר מיין „פראשע פאניע" העלפט אויך ניט. ער לויפט אוועק אין אנדער'ן

עק. און נעה חאפ איהם... אז זיי פליהען, זאג איך, ווי די שדים. מילא, נאכדעם בין איך דערגאנגען, אז איך האב אומזיסט זיך מאוס געמאכט, ווייל יעדערע דריי פיער טישלעך, צו פינף — (איך קען דאס אויסרעכענען?) האבען א בעזונדער קעלנער, און איך האב אלע קעלנערס איבער־גערופען און „מיין קעלנער" גראד פערזעהן... בקצור, מיין קעלנער איז צו מיר אליין צוגעגאנגען — איהר וואלט זעהן א קעלנער — א מאנארכע! א פאר וואנסען האט ער, קען מען מיט זיי פערבינדען דעם גרעסטען פאק! ער איז צוגעגאנגען, בין איך א טויטער געבליבען, אמת. געפרעגט וואס מיר ווילען האט ער אזוי עדעל, אז איך בין צו געקומען און האב זיך געהאלטען אנ׳עצה מיט מיינער:

— וואס זאל מען נעהמען? קאווע, צי טהיי?

— נעהם וואס דו ווילסט! האט זי מיר געענטפערט.

— ניעח בענדזיע קאווע! האב איך ארויסגערעדט און איידער איך האב צייט געהאט זיך אומצוקוקען, איז שוין דער קעלנער ניט געוועזען.

בקיצור, אין א פאר מינוט ארום האט מען אונז געבראכט אויף א זילבערנעם טעצעלע צוויי גלעזער קאווע מיט צוויי גלעזער קאלטע וואסער. וואס טהוט מען מיט די קאלטע וואסער — האב איך ניט געוואוסט, ווי איך ווייס ניט, וואס מען טהוט צום סדר מיט דער זריעה. איך בין א שטיקעל עם הארץ אין די זאכען. איך קלער און קלער און קען ניט דערקלערען, צו גיט מען א זופ קאווע און א טרונק וואסער, צו טרינקט מען אויס פריהער די גאנצע קאווע און נאכדעם די גאנצע וואסער, אדער פערקעהרט?

— אפשר ווייסט דו וואס מען טהוט מיט די וואסער? האב איך שוין מיינער געפרעגט.

נאר מיינע איז נעבעך רויט געווארען און האט געדריקט מיט די פלייצעס, „מילא, לאמיר טרינקען די קאווע, און נאכדעם די

וואַסער!" האָב איך זיך פערלאָזען אויף גאָט'ס בעראָט און נעגומען טרינקען. געטרונקען האָב איך איידעל, מיט דרך-אֶרץ; אַ זופּ און אַוועק געשטעלט די גלאָז צוריק אויפ'ן טעצעלע. אָבטרינקענדיג אַזוי אַ פערטעל גלאָז, בין איך אין גאַנצען צו זיך נעקומען, מיינע אויך, און מיר האָבען גענומען קוקען טאַקע ווי עס געהער צו זיין. בקיצור, איך קוק אַזוי צו אַלע טישלעך, און דערזעה איין בעקאַנטען, דעם אנדערען און דעם דריטען, און דוקא פשוט'ע יידען, פריקאַשטשיקעס, ווי איך, שטאַרבען נעביך פאַר אַ גראָשען. ע, קלער איך, וואָס האָסטו מורא געהאַט?" און איך ווער ביי זיך שטייף, פונקט ווי אין דערהיים. היים איז מיר אויפ'ן שענסטען אופ'ן, בין איך מיר מישב און הויב אָן אויסטהון דעם בגד, האָט זיך צו מיר גענעבען אַ חאַפּ עפּיס אַ שיינגעצעל פון אַ יאָהר 13—14 און האָט גלייך צוגענומען און איהם אַוועקגעטראָגען ערגיץ העט וויים. די מעשה האָט מיר שוין שטאַרק הנאה געטהון, עס איז פון דעסטוועגען אַ כבוד — עס איז דאָך פאָרט בריסטאָל, מען קאָן דאָך דאָס ניט לייקענען... מורא האָב איך אָבער געהאַט, אַ קשיא אויף אַ מעשה: אפשר וועט מען נאָך פערבייטען דעם בגד.. איך האָב אַמאָל געהאַט אַזאַ מעשה, און דוקא אין אַ טעאַטער: אמת נישט אין וואַרשוי. נאָר דאָס איז אַלץ גאָר נישט, איך טרינק אוים די גלאָז קאַווע און הויב אָן בעטראַכטען דעם עולם נעהענטער, איך גיב אַ קוק: וועה איז מיר — אַנטקעגען מיר זיצט מיין בעל-הבית! איך בין געוואָרען טויט: אַ קלייניגקייט, ער קען נאָך מיינען, אַז איך שטעל איהם ברלות.

— קום אַהיים, ביילקע, האָב איך גענומען שלעפּען מיינע.

— וואָס איז, וואָס איילסט דו זיך? האָט זי זיך דערשראָקען.

וואָס אייל איך זיך, זאָג איך איהר ניט. איהר מיינט, עס איז גוט צו בעווייזען זיך פאַר אַ פּחדן פאַר אַ ווייב, בפרט נאָך פאַר אַ יונג ווייבעל; עס ווילט זיך ניט. בקיצור, קיים מיט צרות —

זי געהט, ווײל איך אָבצאָהלען – ניטאָ דער קעלנער מײַנער – פערפאַלען געוואָרען. שלעכט, וואָס טהוט מען? זוכען איהם מיט די אויגען האָב איך מורא, אַז דער בעל-הבית זאָל מיך ניט דערזעהען, – איך זיץ ממש אין געהאַקטע וואונדען, און היט זיך ניט אַריהר צו טהון זיך. איך האַלט דעם קאָפּ צו דער וואַנד און הײס איהר, אַז זי זאָל אָבשטעלען דעם קעלנער און איך וועל שוין בעצאָהלען. זאָגט זי, אַז זי קאָן איהם ניט, זי האָט זיך אין איהם גאָר ניט אײַנגעקוקט פריהער. אַ ביטערע מעשה! מילא, איך מאַך האַרץ און קעהר אָב דעם קאָפּ און זוך אַלײן און ציטער, דער בעל-הבית מײַנער* זאָל מיך ניט דערזעהן. אַ קלײניגקײַט! אומגליקליך קען איך ווערען! בקיצור, דער קעלנער איז דורכגעגאַנגען און איך האָב איהם בעצאָהלט 40 קאָפּ, פאַר צווײ גלאָז קאַווע, פאַר די וואַסער רעכענט מען ניט. און אַ גרױונע האָב איך איהם געלאָזען, און איך וויל שוין אַנטלויפען, איז ניטאָ דאָס שײַנעצעל, וואָס האָט צוגענומען דעם בגד... געפעלט אײַך אַן׳עסק! און דאָ זיצט דער בעל-הבית און אָט נאָך אַ האָר, דערזעהט ער מיך... אַ שוויים בעפאַלט מיך, אַ קלײניגקײַט – דער בעל-הבית טרעפט דעם פריקאַשטשיק אין בריסטאָל! קוים מיט צרות געפונען דעם שײַנעצעל. ער האָט מיר גאַנץ פײַן אָנגעטהון דעם בגד, און איך האָב זיך אַרויס געכאַפּט, ווי פון אַן׳תפיסה און האָב געדאַנקט גאָט, וואָס מײַן בעל-הבית האָט מיך ניט דערזעהן...

דער הייליגער.

אַ שווערע צייט איז דאַמאָלס אין דער אָרגאַניזאַציע געווען. מען האָט געדאַרפט איבערפיהרען „ליטעראַטור" אין די אַרומיגע שטעדטלעך, און מען האָט איינעם נאָכ'ן אַנדערען אַרעסטירט אויף די וואָקזאַלען. עס האָט ניט געהאָלפען קיין שום קאָנספּיראַציע, פּונקט ווי די זשאַנדאַרמען וואָלטען אין הימעל אַ שר געהאַט און יענער וואָלט אַלץ אויסגעזאָגט.

נאָכדעם, ווי מען האָט אַ פינף חברים אַרעסטירט, האָט די אָרטיגע אָרגאַניזאַציע געמאַכט אַ פערזאַמלונג, צו בעטראַכטען אַנ־עצה.

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דאָס גאַנצע אונגליק בע־שטעהט אין דעם, וואָס יעדער חבר גיט זיך אַליין אַרויס מיט זיין אויסזעהען און מיט זיין הילוך, און מען האָט אַריינגעטראָגען אַ פאָרשלאַג, אַז בשעת מען פיהרט „ליטעראַטור", מוז מען מתיר מאַכען אַנשטאָט אַ בלוזע טראָגען אַ ווייסע מאַנישקע מיט אַ קראַגען.

מען האָט גלייך איינעם פון די גענאָסען געשיקט אין אַ גאַלאַנ־טעריע געשעפט צו קויפען אַ פּאַפּירענע מאַנישקע מיט אַ פּאַפּי־רענעם קראַגען, און געוואָרפען גורל, ווער זאָל עס אָנטהון לשם קאָנספּיראַציע.

דער גורל איז אויסגעפאלען אויף חיים „דעם אינטעליגענט".

— אוי וועה! האט ער אויסגעשריען, דערהערענדיג דעם פינסטערען גורל, און מיט א מינע פון א פער'משפט'ן האט ער זיך גענומען אנטהון די מאנישקע מיט'ן קראגען.

נאטירליך, לייכט איז ביי איהם ניט אזוי צוגעגאנגען, זיינע חברים זענען איהם געקומען צו הילף.

נאכדעם, ווי ער איז שוין געשטאנען אנגעטהון און האט אויסגעזעהען ווי א חתן, האט דער עולם איהם בעטראכט.

— אצינד וועט מען איהם ניט ארעסטירען! האט איינער פערזיכערט, ער זעהט אויס, ווי א בעל-הבית'יש בחור'ל.

— אבער צו מאגער, האט א צווייטער בעמערקט. דאס איז אויך זעהר פערדעכטיג.

— נו, דערצו איז שוין קיין מיטעל ניטא! האט א צווייטער געענטפערט.

דער פארזיצענדער האט אבער דערויף זיך אבגערופען:

— מיר דאכט, אז ער וואלט געווען זעהר ניצליך צו האבען אין דער ארגאניזאציע א מיטגליד, וואס זאל אינגאנצען אויס-זעהען, ווי א בורזשוי. מיט אזא וואלט שוין קיין דורכפאל ביי'ם איבערפיהרען ליטעראטור ניט געשעהען.

— וואו זשע נעמט מען א בורזשוי צווישען אונז? האט איינער טיעפזיניג געפרעגט.

און א צווייטער האט איבערגעשלאגען:

— וואס הייסט, וואו נעמט מען? און אז דו וועסט יא נעמען, וואס טויג אונז א בורזשוי? ווי קען מען א בורזשוי אנטרויען קאנס-פיראציע?

דאן האט דער פארזיצענדער ערקלערט:

— מען מיינט ניט, נאטירליך, קיין בורזשוי ממש, מען דארף נאר האבען אזא, וואס זעהט אויס ווי א בורזשוי. אבער, נאטירליך,

דאַרף ער זיין אונזערער, אַ טרייער פּאַרטיימאַן, אָבער אַזוי ווי בּיי אונז זענען קיין בּורזשועס ניטאָ, דאַרף מען אַזאַ מין זעהן אויסארבּייטען, פּראָדוצירען הייסט עס.

די איבּעריגע מיטגליעדער האָבּען דעם פֿאָרזיצענדען ערשטוינט אָנגעקוקט.

– וואָס הייסט?

דער פֿאָרזיצענדער האָט ערקלערט:

– די זאַך איז איינפֿאַך. מיר מוזען האָבּען אַזאַ מיטגליעד אין אונזער אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל קענען פֿראַנק און פֿריי אַרומפֿאָהרען איבּער די בּאַהנען, זיך געפֿינען אויף פֿערשיעדענע וואָקזאַלען און זאָל האָבּען אַ מיאוס אויסזעהען, דאָס הייסט אַנ׳אויסזעהן פֿון אַ קאָמי־וואָיאַזשאָר...

– פֿוי! האָבּען די מיטגליעדער אויסגעשפּיגט.

– פֿוי היינט, פֿוי מאָרגען! מען מוז! אַנדערש קען מען ניט טראַנספּאָרטירען קיין ליטעראַטור. די פֿראַגע איז אָבּער, ווי אַזוי ערציהט מען אַזאַ מין נפֿש? אום אויסצוזעהען ווי אַ קאָמי־וואָיאַזשאָר דאַרף מען האָבּען אַנ׳אָבּגעגעסען פּנים. דערצו פֿאָדערט זיך עסען אַלע טאָג אַ גוטען מיטאָג. היינט פֿרעגט זיך, צו וועט זיך געפֿינען צווישען אונז אַזאַ מיאוסע בּריה, וואָס וועט זיך ערלויבּען אין דער צייט, ווען אַרבּייטער הונגערען אָדער לעבּען אין דחקות, זיך אָנטהון וואוילטאָג, כּדי צו בּעקומען אַ פּאָר שענע בּאַקען.

– געוויס ניט!... האָבּען אַלע, ווי איינער אויסגעשאָסען.

– און דערצו – האָט דער פֿאָרזיצענדער פֿאָרטגעזעצט – פֿאָדערט זיך נאָך צו רויכערען אַ גוטען סיגאַר, שטעהען אין אַ ליכטיגען רייכען צימער, אין אַ האָטעל. געפֿינענדיג זיך אויפֿ׳ן וואָקזאַל מוז מען שטענדיג זיצען אין ערשטען קלאַס צווישען גראָבּע אָבּגעגעסענע בּורזשויען...

– אוי, ווי עקעלהאַפֿט! האָבּען אַלע חברים אויסגעשאָסען.

— אויסער דעם — האָט דער פּאָרזיצענדער ווייטער געדראָהט — מוז מען אויף יעדען אָרים געקליידעטען, אויף יעדען הונגעריגען קוקען פון אויבען אראָב, מיט פעראַכטונג.

— ניין, פאר קיין פאל ניט! — האָבען אַלע בײַז אויסגעשריגען.

— אַלזאָ, געפינט זיך צווישען אײַך קיינער ניט, וואָס וויל זיך אונטערנעמען שפּיעלען די דאָזיגע ראָלע?

— קיינער ניט! האָבען אַלע ווי איינער געענטפערט...

נאָר פּלוצלונג האָט זיך איינער אָבגערופען און מיט פרום-פערגלאָצטע אויגען האָט ער געזאָגט:

— איך טהו עס פון דער פּאַרטיי וועגען... איך נעם אָן דעם פאָרשלאָג צו לעבען אַ גוטען טאָג...

די מיטגליעדער האָבען זיך איבערגעקוקט און איינער דעם אַנדערען האָט אויסגעדריקט זײַנע התפעלות פון אַזאַ חבר, וואָס וויל זיך אַזוי ווייט אויפאָפּפערען פאַר דער הייליגער אידעע. און ער איז געוואָרען פערערעכענט פאַר אַ הייליגען...

די לבנה.

איינמאל נעהט חייקעל דער קירושנער ארוים איינם א זייגער בײַ נאכט אויפ'ן הויף און ער ווערט מאָדנע פערוואונדערט. עפּעס אין דרויסען איז ליכטיג, פונקט ווי עס וואלט שוין טאָג געוועזען און פון די הייזער ליגען אויסגעצויגען גרויסע, ברייטע שאָטען אזוי רוהיג און שטיל, אָבער מיט עפּעס א גאוה; און זיין שאָטען אליין איז אויך עפּעס אזא גרויסער, א לאנגער און א דיקער, פונקט ווי ער וואלט אין דער אמת'ן טאקע א מענש געוועזען... עס זאל שוין זיין „גרויסער טאָג" קען ניט זיין: אויפ'ן גאס איז אזוי מאָדנע שטיל, אז ער הערט זיין אייגענעם אָטעם, די לאָדען פון די הייזער זענען אומעטום פערמאכט, און אט הערט ער אפילו די קאלאָקאָטקע פון נאכט-וועכטער. וואס-זשע בעדייט דאס אזא מין ליכטיגקייט!

ער ווארפט די אויגען אויף אלע זייטען, ווי ער וואלט געזוכט יענעם לאָמפּ, וואס האט אזוי ליכטיג געמאכט די נאכט. ענדליך הויבט ער אויף די אויגען צום ריינעם הימעל, וועלכער איז נאר וואו ניט וואו בעשפּרענקעלט מיט קליינע ווייסע וואלקענדלעך, און ער דערזעהט אין דער מיט א קיילעכדיגע ליכטיגע רעדעלע, אזוי קיילעכדיג און אבגעטאקט, פונקט ווי א שטיקעל סחורה אויף א דענקע צו א היטעל... דאס דאָזיגע שטיקעל קיילעכדיגע איז איהם מאָדנע בעקאנט, ער האט עס אמאל ערגעץ גע-

אברהם רייזען.

זעהען... „מאָרגע בעקאָנט. וואַרט לאָמיך זיך אָקאָרשט דערמאָנען"...

אַלערליי עראינערונגען פון זיין יוגענד הייבען זיך אָן ווי אַרויסצושפּאַרען פון איהם, טאַנצען און שפּרינגען פאַר איהם, און פּלוצלונג דערמאָנט ער זיך דעם חדר, דאָס געהן ביי נאַכט אַהיים, די ליעדלעך „אַדוני מלך", „היי, היי העמעריל"; דערנאָכדעם דערמאָנט ער זיך דעם בית־המדרש: יידען דאַוונען מעריב, נאָך מעריב געהען יידען, אַ סך יידען אַרויס פון די בתי־מדרשים. נאָר נישט אַהיים נעהט מען; מען שטעלט זיך אויס אין אַ רעדעל אויפ'ן שול־הויף און מען הויבט אָן ווידער דאַוונען.

— אוי, דאָס איז דאָך די לבנה! גיעט זיך חייקעל אַ חאַפּ, ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט אָן אַן'אַלטער שענער מעשה, וואָס ער האָט אין חדר אַמאָל בין מנחה למעריב געהערט... און זיין האַרץ שפּרינגט שיער אַרויס פאַר שמחה.

— די לבנה, ווי איך בין אַ ייד, די לבנה! שרייט ער אויסהויך אויפ'ן קויל. אוי, אוי, אוי! ווי לאַנג איך האָב זי ניט געזעהען, זינט איך אַרבייט... קוים־קוים, זי דערקענט... אַז ביי טאָג אַרבייט מען און ביי נאַכט שלאָפט מען, ברוך־השם — פערענטפערט ער זיך...

און ער הויבט אָן צו בעטראַכטען די אַלטע בעקאַנטע, אויף וועלכער ער פלעגט יונגעלווייז אַזוי ליעב האָבען צו קוקען, דער הויפּט אויף דער נאָז, אויף די צוויי אויגען... ער הויבט אָן יעצט זוכען די נאָז מיט די אויגען, אָבער — ניטאָ.

ער ווערט מאָדנע איבעררעשט. ער קאָן שווערען, אַז אַמאָל האָט די לבנה געהאַט אַ נאָז מיט צוויי אויגען, ער געדענקט דען נישט, וואָס?.. וואו זשע איז עס אַהינגעקומען?...

ער שטרענגט אָן די בליקען און זוכט. די לבנה, אַ קיילעכדיגע און אַ ריינע שווימט זיך רוהיג, דאַכט זיך מיט אַ שמייכעלע, אָבער קיין נאָז און קיין אויגען — ניטאָ...

חײַקעל דאַרף געהן שלאָפֿען צוריק, אַ גאַנצען טאָג האָט ער שווער געאַרבײַט און הײַנט דאַרף מען טאַקי פֿריה אויפֿשטעהן, נאָר עס פֿערדריסט איהם, פֿאַר וואָס זאָל ער דאָס גלאַט ניט געפֿינען די נאָז מיט די אויגען... חאָטש די נאָז אַלײן. און אָפֿשר איז דאָס גאָר נישט די לבנה?..

פֿאַר דעם געדאַנק דערשרעקט ער זיך צוליעב צווײַ זאַכען! ערשטענס, אויב דאָס איז ניט די לבנה, טאָ וואָס־זשע איז דאָס? און צווײטענס, ווי איז דאָס מעגליך, אַז אַ מענש זאָל ניט וויסען, וואָס יאָ לבנה און וואָס ניט... אַז אין מאַסטערסקאַיאַ וואָלט מען זיך דערוויסען, וואָלט מען דאָך איהם געמאַכט פֿאַר אַ משוגענעם.

ער קוקט אויפֿמערקזאַם אַרויף אין דער הויך און זוכט.. נאָר אויסער דער אײן לבנה און עטליכע ווײַסינקע וואָלקענדלעך, איז גאָר נישטאָ.

אויב אַזוי איז דאָס טאַקי די לבנה! אײגענטליך איז זי די זעלבע ווי אַלע מאָל. ער וואָלט זי דערקענט אַפֿילו, ווי מען זאָגט אַנ־אַבגעשונדענע...

נאַרישקײטען! ער ווײס דען ניט וואָס אַ לבנה איז?.. ווער ווײס דען ניט?

ער ווערט שוין זיכער, אַז דאָס איז די לבנה. און דערפֿיהלענדיג, ווי די אויגען קלעבען זיך איהם, וויל ער שוין געהן צוריק שלאָפֿען, נאָר פּלוצלונג גיעט איהם ווידער אַ קלאַפּ אין קאָפּ: וואו איז אָבער פֿאָרט דער לבנה׳ס נאָז, מיט די צוויי אויגען? אַז ער געדענקט אויף קלאָר, אַז אַמאָל האָט זי געהאַט אַ נאָז מיט צווײַ אויגען...

ער הויבט זיך אָן אויף אַנ׳אמת צו בעאונרוהיגען. עס אַרט איהם ניט אַזוי, וואָס די לבנה האָט פֿערלוירען די נאָז מיט די אויגען, ווי עס אַרט איהם דאָס, וואָס ער ווײס ניט וואו איז דאָס אַ הינגעקומען...

קען דאָס זײַן, אַז פֿאַר דער לאַנגער צײַט, וואָס ער האָט זי ניט געזעהען, האָט זי זיך געביטען...

ער מוז דאָס דערגעהן. פֿרעגען וועט ער ניט, מען וועט גע־וויס לאַכען, אָבער ער קען דאָס דערגעהן אין דעם ביכעל „אַ וועלט מיט וועלטעלעך”... דאָרטען שטעהט פֿון דער זון און פֿון דער לבנה און פֿון אַלץ... אַ שאָד, וואָס שבת לייענט ער אַלץ די פּאָליטישע ביכלעך. און פֿון אַנדערע זאַכען הויבט ער ניט אָן צו וויסען... אין „אַ וועלט מיט” וועלטעלעך, געדענקט ער, רעדט זיך דערפֿון. ער האָט דאָס אַמאָל געלייענט — נאָר ער האָט אינגאַנצען פֿערגעסען...

נויטיגע ווערטער.

(אמעריקאנער הומאָרעסקע).

אין עטליכע טעג אַרום, אַז ביינוש האָט זיך שוין אויסגע־רוהט ביי זיין שוואָגער, וועלכער האָט איהם אַראָבגענומען פון שיף און איז געקומען צו זיך, איז ער געוואָרען אַ ביסעל שטייפער, ער האָט דערזעהן, אַז דאָ אין אַמעריקאַ זענען זיי אויך מענשען, האָבען רחמנות, האַלטען פון קרובה׳שאַפט, און בכלל איז אומעטום איין וועלט! אַפילו די קאַרטאָפעל, וואָס די שוועגערין האָט לכבוד איהם שוין אַ פּאָר מאָל געקאָכט, זענען אויך די זעלבע, ווי אין דער־היים. אַז ער האָט וועגען דעם אויסגעדריקט זיין פער־וואונדערונג, האָט איהם דער שוואָגער, וועלכער האָט שוין גע־וואוסט די געשיכטע פון אַמעריקאַ, ערקלערט:

— נאָר איינער, קאַרטאָפעל שטאַמט דאָך פון אַמעריקאַ, אין אַמעריקאַ האָט מען דאָס ענטדעקט.

דאַן האָט ביינוש, וועלענדיג וויזען, אַז ער ווייס אויך עפּיס פון זאַכען, איבערגעפרעגט:

— טאַקע דער איינענער קאָלאָמבוס?

איינס נאָר איז ביינוש׳ן געווען פריקרע: די שפּראַך.

אברהם רייזען.

— אזא מין שפראך האב איך קיינמאל ניט געהערט, האט ער זיך געקלאגט אויף ענגליש. איך האב שוין געהערט מאלאראסיש און פויליש און לאטוויש און אפילו ציגיינערש און טאטעריש, נאר אזא ווילד לשון, ווי ביי אייך, איז מיר קיינמאל ניט אויסגעקומען צו הערען.

וועגען אויסלערנען זיך דאס דאזיגע ווילדע לשון האט ער גארניט גע׳חלומ׳ט:

— דאס איז נישט פאר מיינע יאהרען און נישט פאר מיין קאפ, נישט מעהר, אז די 16-יעהריגע בעסי, די פלימעניצע זיינע, וואס איז שוין צוויי יאהר אין לאנד, געהט שוין אין סקוהל און רעדט ענגליש, שוין בעסער ווי יידיש, אז זי זאל זיין א גוט מעדעל און איהם אויסלערנען די נויטיגע ווערטער, וואס א מענש מוז האבען, וואלט ער איהר פיין בעדאנקט.

בעסי, שוין א האלבע אמעריקאנערין, און ווען ניט דאס פיקאנטע בינדטעל „בריעף", וואס דרוקט זיך אלע טאג אין „פארווערטס" און וואס זי לעזט עס יעדען טאג, וואלט זי שוין אינגאנצען אנ׳אמעריקאנערין געווארען, — בעסי איז א לעבעדיג מעדעל, פון פעטער דעם „גרינהארן" חוזק׳ט זי אפילו אב אונטער די אויגען, דאך אין הארצען האט זי איהם ליעב, זי געדענקט נאך איהם פון אייראפא, ווען ער פלעגט מיט זיין ווייב, דער מוהמען, קומען צו זיי אלע שבת אויף טהיי און עס פלעגט זיין אזוי פרעהליך. זיין בקשה זאגט זי איהם ניט אב, זי ווייס גאר ניט, וועלכע ווערטער זענען פאר איהם נויטיג:

— לאוו איז ליעב האבען! פאנגט זי אן די ערשטע לעקציע.

— אזוינע ווערטער ברויך איך ניט, לאכט בינוש פון זיין נארישער פלימעניצע, דו פערטייטש מיר ווערטער, וואס קומען צו-ניץ, פערשטעהסט? אט, למשל, ווי הייסט אויף ענגליש בולבע.

— פאטייטעס!

— פּאַטייטעס, פּאַטייטעס! חזר'ט בינוש און מאַכט אַ מינע פון אַ חדר־יונגעל.

— אפשר ווילט איהר וויסען אויף ענגליש — די זון - סאַן! שפּרינגט בעסי אַרויס מיט אַ נייעם וואָרט.

— אַזאַ וואָרט קאָן שוין ניט שאַדען, האָטש דאַרפען דאַרף איך נויטיגערע ווערטער: למשל, ווי הייסט אויף ענגליש שוואַרצער ברויט?

— בלעק־ברעד!

— בלעק־ברעד! בלעק־ברעד! חזר'ט בינוש.

— איצטער, בעסינקע, בעט זיך בינוש, זאָג מיר, ווי הייס אויף אייער לשון אַ ווייב.

— אַ ווייף.

— אַזאַ גרינג וואָרט, פּונקט כמעט ווי יידיש. אַ שווערע זאַך און אַ גרינג וואָרט, — מאַכט ער שוין אַ וויצעל. אין דער־היים איז בינוש געווען אַ שטאַרקער וויצען־זאָגער און עס טהוט איהם הנאה, וואָס דאָ אין דער פרעמד האָט זיך איהם ווידער עס איינגעגעבען.

די שווערערין, וואָס איז אָבער דערביי געווען, האָט מיט אַ בייזען שמייכעל איהם געשטערט זיין צופריעדענהייט:

— דאָ, בינוש, טאָר מען אויף אַ ווייב קיין קרום וואָרט ניט זאָגען:

בינוש'ן, איז שוין דער וויץ נישט איינגענאַנגען, און ער האָט זיך פאַרגענומען, ביז ער וועט ניט קלאָר ווערען אין אַמעריקאַנער מנהגים, זאָל ער קיין וויצען ניט מאַכען.

די לעקציע איז איבערגעריסען געוואָרען, אָבער מיט די פּאָר ווערטער איז ער געווען צופריעדען. אין אָוועבד האָט ער געשריבען אַ היים אַ קאַרטעל, וואו ער האָט מודיע געווען, אז ער לערנט זיך ביי זיין פּלימעניצע ענגליש רעדען און ער קען שוין כמעט אלע נויטיגע ווערטער...

אַברהם רייזען.

די לשון-קודש׳דיגע.

(א מאָדערנער ראָמאַן).

I.

ער איז געוועזן אַ ציוניסט און אַ לעהרער פון לשון-קודש, זי איז געוועזן סתם אַ בעל-הבית׳יש מעדעל, אויך אַ ציוניסטקע און האָט אויך געקענט לשון-קודש, חאָטש קיין לעהרערין איז זי ניט געוועזן.

בעקענט האָבען זיי זיך אויף דער ערשטער פערזאַמלונג פון דער חברה „דוברי עברית״.

קיין שעהנע מעדעל איז זי ניט געוועזן, נאָר אַזוי ווי ער איז געוועזן אַ ציוניסט און אַ העברעאישער לעהרער האָט ער אויף שעהנקייט ניט געקוקט, ער איז געוואָרען ענטציקט פון איהר לשון-קודש רעדען.

– העלמה דוברת צחות בשפת קדשנו – האָט ער איהר געמאַכט אַ קאָמפּלימענט.

זי איז רויט געוואָרען און האָט געענטפערט:

– גם האדון דובר צחות בהשפה היחידיה והשרידה...

II.

זיי האָבען זיך פערליעבט און האָבען אַ נדר גענומען צו רעדען שטענדיג לשון-קודש. צו זייער דיענסט איז געוועזן דער שיר השירים, גאַנצע פסוקים פלעגען זיי ניט קאַרגען אויסצודריקען זייער ליעבע איינער צו דעם אַנדערען.

ביז אין אַ העלען פריהמאָרגען האָט זיך דער שיר השירים אין גאַנצען אויסגענומען...

האָבּען זײ אָנגעהױבּען אױף דאָס נײַ.

בּיז דער שיר השירים האָט זיך אַ צװײטען מאָל אױסגענומען האָבּען זײ װידער אָנגעהױבּען אױף דאָס נײַ.

— לבבתיני אחותי כלה לבבתיני באחת מעיניך! — פלעגט ער איהר זאָגען.

— דודי צח ואדום! — פלעגט זי איהם אָבּענטפערען.

— שובי, שובי השולמית! — פלעגט ער זי אַמאָל רופען.

— אני לדודי ודודי לי! — פלעגט זי איהם ענטפערען.

אַזױ האָבּען זײ אױסגעלערענט דעם גאַנצען שיר השירים אױף אױסװעניג...

III.

זײ האָבּען חתונה געהאַט — און האָבּען געגעסען קעסט בּײַ איהרע עלטערען.

דעם שיר השירים האָבּען זײ נאָר גענוצט דעם ערשטען מאָנאַט. שפּעטער האָבּען זײ שױן גערעדט מיט׳ן לשון פון אהבת ציון, אשמת שומרון.

נאָך שפּעטער האָבּען זײ גענוצט דעם חומש.

זײ זענען אַראָב פון קעסט.

די לשון־קודש׳דיגע װײַבּעל האָט זיך געמוזט אַלײן נעהמען פיהרען דאָס הױז.

דער לעהרער פלעגט קומען שפּעט. נאָך דער חתונה האָט ער געמוזט נעהמען מעהר אוראָקען.

— הנני רעב ככלב... — פלעגט ער אױסרופען אַבּיסעל בּעז.

— אוי ואבוי לי! — פלעגט זי איהם מיט אַנטהײל ענטפערען.

IV.

עס איז פערגאַנגען אַ יאָהר.

ער האָט ליעב געהאַט בעבלעך, האָט ער אָבער ניט געוואוסט ווי אַזוי זאָגט מען אויף לשון־קודש בעבלעך. האָט ער גענביך גע־מוזט עסען אַלע טאָג פערל־גרויפּען. אײנמאָל האָט ער זיך פער־לאָזט אויף גאָט׳ס בעראָט און האָט איהר געזאָגט:

— עשי מטעמים כאשר אהבתי!

און אַז זי האָט איהם געפרעגט: מה? האָט ער געענטפערט:

— לפת.

איהר האָט מען אַמאָל געטײַטשט: לפת — מעהרען, האָט זי איהם געמאַכט אַ מעהרען־צימעס.

ער איז געוואָרען בעז.

— בחול — מעהרען־צימעס!... לא נאה...

— הלא אמרת לפת! — האָט זי זיך געוואונדערט.

— לפת!... לפת!... הלא לפת בעבלעך בלע״ז...

האָט זי אָבער גע׳טענה׳ט, אַז לפת איז מעהרען.

ער איז בעז געוואָרען. סטײַטש, ער איז אַ העברעאישער לעהרער, קומט זי און מאַכט איהם פאַר אַן עם־הארץ, און ער האָט דעם ערשטען מאָל אויסגעשריען מיט אַ פסוק פון איוב (ביז אהער האָט ער איוב קײנמאָל ניט גענוצט).

דער פסוק איז געווען אַ הארבער. אַלענפאַלס נאָך שיר השירים האָט ער שלעכט געקלונגען. זי האָט איהם געוואָלט אויסזידלען האָט זי ניט געוואוסט ווי אַזוי מען זידלט אויף לשון־קודש.

האָט זי אַ געשריי געטאָהן מאַמע־לשון.

— — ביזט אַשטיקעל משוגע׳נער.

— און דו ביזט אַ נארישע אידענע.

פון דאַמאָלס אָן רעדען זיי יידיש...

דער נייער חסיד.

(א גאליציאנער בילד).

בעמערקט האב איך שוין לאנג, אז דאס בחור׳ל מיט׳ן שטאר־צענדען גארגעל מיט דער משכילישער האלב ווייסע, האלב ברודיגע מאנישקע, מיט דעם פשרה׳דיגען האלב חסידישען, האלב דייטשי־שען קאפעליוש און איבערהויפט מיט די פינקלענדיגע און דאך קעלבערנע אויגען, — אז דאס דאזיגע בחור׳ל פערפאלגט מיך אויף טריט און שריט. כ׳האב עס געמערקט און שטארק מורא געהאט. דאס הארץ האט מיר געזאגט, אז דאס בחור׳ל וועט מיך פריהער אדער שפּעטער פאקען און וועט פאר מיר אויסלעגען זיין גאנצע השכלה, פון וואס עס איבעלט מיך שוין זייט איך בין דא אין גאליציען.

מיין היטען זיך, מיין אויסווייכען האט מיר אבער נישט גע־האלפען. אין א שענעם מיטאג, ווען איך בין געזעסען אין מיין צימער׳ל און געהאלטען נעהמען זיך עפּעס ר׳בען, האט זיך מיין טהיר, וועלכע איז פריהער ניט אנגעקלאפּט געווארען, זיך גע־עפענט און עס האט זיך אריינגערוקט טאקי דאס זעלבע בחור׳ל.

„ניט פרעהליך!״ האב איך א טראכט געטהון און האב גע־וואלט שוין ארויסווייזען מיין ניט גאסט פריינדליכקייט. דערזעהענדיג

אברהם רייזען.

אָבער זײַן פֿערוויִרונג, זײַן ניִט וויִסען וואוהיִן צו טהון די הענד, וואוהיִן צו קוקען און וואָס צו טהון, האָט עס מיִך אַ ביִסעל געריהרט, מילא — האָב איִך שלום געמאַכט - לאָמיִך איִהם אויסהערען אפשר וועט זײַן איִנטערעסאַנט.

— זיִצט, האָב איִך מיִך צו איִהם שוין געווענדעט גאַנץ פֿרײַנדליִך.

שטײַנער האָבען זיִך פֿון זײַן האַרצען אַראָבגעקײַקעלט. ניִט אַראָבנעהמענדיִג זײַן משכיִליִשען קאַפּעליושעל, נאָר אַראָבשאַרענדיִג איִהם צום פּאַטיִלניִצע צו, האָט ער זיִך אַוועקגעזעצט אויפֿ'ן בעט — האָטש עס איִז געשטאַנען אַ פֿרײַער שטוהל — און האָט אָנגעהויבען האַלב שטאַמלען, האַלב רעדען.

— איִך ביִן אַרײַן צו אײַך... הײַסט עס געוואָלט האָב איִך שוין לאַנג אַרײַן, ווארום צו וועמען זאָל מען אַרײַן? איִך געה אַפֿיִלו אַלע טאָג איִן אַרבײַטער פֿעראײַן, איִך ביִן אַ סאָציִאַליִסט... נאָר בײַ אײַך רעכען איִך קען מען עפּעס מעהר „דערגעהן"... חיִ-חיִ-חיִ...

זײַן לאַכען איִז געוועזען קעלבעריִש, די אויגען האָבען פֿערלאָרען דעם גלאַנץ און זענען געוואָרען פֿײַכט. איִך האָב שוין חרטה געהאַט אויף מײַן אויפֿטהו און האָב זיִך געווענדעט צו איִהם.

— וואָס וועט איִהר בכן זאָגען?

אַנשטאָט צו ענטפֿערען האָט ער אַרויסגענומען אַ פּשרה'דיִגע נאָז טיִכעל, — האַלב רויט, האַלב ווײַס, אויסגעשנײַצט משכיִל'דיִג די נאָז הויך און היִלכיִג און האָט שוין גאַנץ ברײַטליִך געענטפֿערט.

— וואָס וועל איִך זאָגען? חע-חע-חע... איִך מײַן! אײַך דאַרף מען דען זאָגען? און אַלײַן ווײַסט איִהר ניִט... און צוריִק גערעדט האָב איִך אײַך טאַקי אַ סך צו זאָגען און איִהר וועט דערפֿון מאַכען גאַנצע ביִכער, אָט אַזוינע. (דערבײַ האָט ער אָנגעוויִזען אויף אַ פּאָר דיִקע ביִכער, וואָס זענען געלעגען בײַ מיִר אויפֿ'ן טיִש).

און איידער איך האב מיך מכין געווען אויסצוהערען איהם, צו וואס מען האט געדארפט זיך פארבערייטען מיט געדולד, האט ער ווייטער געשאטען:

— איהר ווייסט דאך, אז איך שטאם פון חסידישע עלטערען. מיין טאטע איז א סאדיגערער חסיד, אויב איהר האט א ידיעה אין סאדיגערער חסידים, קענט איהר אייך שוין פארשטעלען, ווי אזוי איך בין דערצויגען געווארען! בפרט, אז מיר דאכט, אז איהר האט א ידיעה אין חסידות. איך האב געלעזען א פאר זאכען אייערע וועגען דעם. גאנץ גוט!... ד. ה. אביסעל פעהלט דארט — דעם עיקר ווייסט איהר נאך נישט. דאס קען איך וויסען, הלואי וואלט איך געהאט אייער פעדער וואלט איך בעסער ארויסגעגעבען, ווארום פערשטעהט איהר מיך — איך בין דיזם חסידות א שונא, א דם שונא!... איהר אידעאליזירט עס; דאס טאר מען נישט! מען טאר נישט! די לעצטע צייט האבען טאקי די חסידים פעריסען די נעזער. א קלייניגקייט: דער „העולם" האלט אויך פון חסידיש. אמאל, למשל, אויב איהר געדענקט דעם „השחר", פלעגט מען זיי דארט לייגען ניין איילען אין דער ערד! און אזוי דארף זיין. נו, סמאלענסקין איז געווען א גרויסער פריידענקער. זיין „התועה בדרכי החיים" איז א גוואלדיגע זאך, א גוואלדיגע זאך, זאג איך אייך. היינט שרייבט מען שוין נישט אזוי. צוריק געשמועסט שרייבט מען היינט אויך נישט שלעכט. דאס הייסט, עס זענען דא פערשיעדענע שרייבער: איינער שרייבט גוט, איינער שרייבט, אז מען קען אין מויל נישט נעהמען, ווי אנ'אפיקומן. נאר דאס האט נישט צו אונזער ענין. איך וויל אייך נאר שילדערען די חסידים. וואס הייסט אייגענטליך א חסיד? א חסיד הייסט א מאמין, ער גלויבט. בערעכענען, אנאליזירען א זאך, ווי מיר פריידענקער, למשל, דאס נישט. אלץ שטעהט אויפ'ן גלויבען. דער רבי איז א בעל־מופת, בעוויזט נסים. היינט אז דער רבי זאגט נאך א שטיקעל תורה — עקט זיך די וועלט. פרובירט דעם

טאטען בעוויזען אז נישט אזוי, קריגסטו אנ'שטאט אן ענטפער
פעטש! נאר מיך האבען נישט די פעטש געארט, איך קען פער=
טראגען א פאטש, גאט צו דאנקען. אמת, איך קען געבען א פאטש
אויך. נאר א טאטען צוריק וועל איך דאך נישט געהן פאטשען!
חאטש צוריק געשמועסט, האלט איך נישט פון כבוד אב. ס'איז
אנ'אלטע איבערבלייבעניש פון אלטע צייטען. וואס הייסט? אז די
ביזט מיינער א טאטע, דעריבער איז וואס — טארסטו נישט זיין קיין
שוטה, קיין ווילדער פאנאטיקער? מוז איך דיר פאלגען? ווי מיינט
איהר? איך האב טאקי געוואלט הערען אייער מיינונג וועגען
כבוד=אב. ס'איז א וויכטיגע פראגע. איך אינטערעסיר מיך שטארק
דערמיט... דער עיקר אבער אינטערעסיר איך מיך מיט סאציאליזם:
איך בין שוין פיערטער יאהר א סאציאליסט... ד. ה. א סאציאל=דע=
מאקראט! טאקי דא אין דער יידישער פארטיי! איהר קענט דאך
מסתמא דעם פיהרער פון דער פארטיי — גראסמאנען! אט דאס איז
א קאפ! ער קען גאנץ „קאפיטאל" אויפ'ן דף אויסוועניג! און מיט
אלע פירושים. ביי איהם האב איך טאקי „קאפיטאל" געלערנט, א
טיעפע זאך! אי וועה! אי וועה! וואס דארטען טהוט זיך! א ים!
א ים! און גראסמאן שווימט דארטען, ווי אנ'אמת'ער מאטראז, ווי
א מאטראז, זאג איך אייך. א קלייניגקייט — זיין קאפ! נו, ער האלט
טאקי אויף די גאנצע פארטיי, ווען נישט ער — וואלט זי שוין לאנג
צופאלען אויף ברעקלעך. דער עולם איז טאקי אין איהם שטארק
איינגעגלויבט, ווי אין א גוטען אידען, און ער איז טאקי זעהר
גרויס. איהר האט איהם געדארפט הערען אמאל רעדען, א רעדע
האלטען אויף א פאלקס=פערזאמלונג! ער צוקלאפט זיי אלע, דער=
הויפט די ציוניסטען, אויף פיץ=פיצלעך. ווי האלט איהר פון די
ציוניסטען? איך האב טאקי געוואלט הערען אייער מיינונג, איך
בעט אייך, זאגט מיר, וואס ווילען זיי, זיי ווילען פאלעסטינא.
גוט! איך, קען זיין, וויל אויך, נאר פון וועלען ביז האבען איז

דאָך עפּעס אַ גרויסער חילוק... נאָר גראָסמאַן ווײַזט אויף, אַז דאָס איז גלאַט אַ חלום, אַנ'אוטאָפּיע... ער האָט אַזאַ כּח!... ס'איז געווען דאָ נישט לאַנג פאַר די וואַהלען — ס'האָט געזאָלט זײַן אַ גרויסע פאָלקספערזאַמלונג, דאַמאָלסט איז געקומען אַהער אַ ציוניסטישער רעדנער פון פּשעמישל, ד"ר לאַנדע, אַ הייסער ציוניסט, אויך אַ גוטער רעדנער. אַ טאָג פאַר דער פערזאַמלונג האָט זיך גראָד דער ד"ר לאַנדע געטראָפען מיט אונזער גראָסמאַן'ען. זיי האָבען זיך אַ ביסעל צושמועסט צווישען זיך. וואָס ווייטער איז דער שמועס אַלץ שאַרפער געוואָרען. וואָס זאָל איך אײַך אַ סך דערצעהלען, עס האָט נישט געדויערט צוויי שעה און ד"ר לאַנדע איז געוואָרען אויס ציוניסט און איז איבערגעגאַנגען צו אונז, צו די סאָציאַל-דעמאָקראַטען. גראָסמאַן, הייסט עס, האָט איהם איבערצײַגט! אין איינע צוויי שעה! עס האָט געקאָכט די שטאָדט! וואָרום, איהר דאַרפט וויסען, אַז ד"ר לאַנדע איז אויך נישט קיין אינגעלע. נאָר ווי קומט ער צו גראָסמאַן'ען! איך זאָג אײַך, אַז דער גראָסמאַן בעווײַזט אין אַ גיטאַציע ממש וואונדער... און דער עולם האַלט טאַקי פון איהם. שוין אַ סך חסידישע בחורים זענען אריבער צו איהם, די טאַטעס, די חסידים, קעהרען די וועלט, מען פאָהרט צום רבי'ן, דער רבי גיט עצות. נאָר שרײַ חי-וקים.

— איך בין שוין — האָט ער אויסגעלאָזט — די פיערטע יאָהר אַ סאָציאַליסט, אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט, הייסט עס. דער עיקר אָבער טהו איך טהעאָרעטיש און דיסקוטיר מיט חסידישע בחורים, מיט ציוניסטען... עס איז, נאַטירליך, שווער זיי צו איבערצײַגען, קיין גראָסמאַן בין איך ניט. איך האָב ניט אַזאַ כּח, אָבער ווירקען ווירק איך... מיר פעהלען נאָך אַביסעל ידיעות אין אַ טהייל סאָציאַליסטישע פראַגען, נאָר איך שטודיר. יעצט לערנען איך קאַאוטסקי. אויך, אַ גרויסער קאָפּ! נאָר אַז גראָסמאַן וועט עלטער ווערען וועט ער קאַאוטסקי'ן איבערשטײַגען. לײַט ווילען אַפילו האַפען, אַז אין

דער נאַציאָנאַלער פראַגע איז גראָסמאַן טיעפער פאַר קאַוטסקי׳ן, ס׳איז טאַקי זעהר מעגליך... וויפיעל איז דער זייגער? אַלט! יאָ, דאַרף איך טאַקי געהן אין פעראיין – ער האַלט דאָרטען טאַקי היינט א רעדע. זיינע א רעדע! א קלייניגקייט! פעריל שיטען זיך איהם פון מויל!...

אַז ער האָט שוין געהאַלטען ביי׳ן, געהן האָב איך איהם א פרעג געגעבען:

– אָבער איהר זענט ניט קיין חסיד??

– איך? האָט ער אויף מיר אויסגעגלאָצט די אויגען – איך בין שוין ווייט פון חסידות! איהר הערט דאָך פון מיר ווערטער!...

דער פּראָלעטאַריער.

(הומאָרעסקע).

בעריל דער ישיבה-בחור אין נייער קלויז האָט קיינמאָל נישט געהאַלטען פון זיך און איז געווען שטענדיג שטאַרק אַראָבגעפאַלען מיט זיין תורה, וועלכע ער האָט געלערנט נישט לשמה, נאָר טאַקי צוליעב די „טעג" און צוליעב דער האַרטער באַנק אין בית-מדרש, וואו ער האָט יעדע נאַכט זיינע ביינער אויסגעגלייכט. אודאי קען מען אויף זיך אליין קיין גרויסען כבוד נישט לעגען. אַז עסען עסט מען פרעמדס און שלאָפען שלאָפט מען אין קלויז, צוזאַמען מיט אַ פּאָר בטלנים און אויך אַמאָל, אין אַ ווינטער נאַכט, מיט דעם שטאָדט-משוגע'נעם, וואָס גנב'עט זיך אַריין שפּעט ביי נאַכט און חאַפּט אַ „משוגע'נעם" דרעמעל אויף דער געגענאיבער-דיגער באַנק, וואו ער, בעריל, שלאָפט.

און אַזוי ווי בעריל האָט קיינעם נישט געקענט, אויסער די בעלי-בתים און יונגע לייט פון בית-מדרש, וואו ער האָט געלערנט, איז זיין השגה וועגען מאַכט און גדולה ווייטער פון דעם דאָזיגען „קלאַס" נישט געגאַנגען. זיי האָט ער בעטראַכט פאַר די גרויסע, פאַר די שטאַרקע, פאַר די פריע, פאַר די מענשען מיט אַ „בחירה", און אין פערגלייך מיט זיי האָט ער זיך געפיהלט, ווי אַ ווערימעל. און געטרוימט האָט שטענדיג בעריל צו ווערען אויך אַמאָל

אַ בעל=הבית, אַ יונגער מאַן מיט אַ ווייַב, מיט אַ „שטאָדט" אין בית=מדרש און מיט אַנ'אייגענעם „טיש".

ווי אַזוי אָבער וועט ער עס דערגרייכען, האָט ער נישט געוואוסט. ער האָט אַפּילו געגלויבט, אַז פריהער אָדער שפּעטער וועט ער חתונה האָבען. אָבער פון התונה האָבען ביז ווערען אַליין אַ בעל=הבית איז זעהר ווייט. אָט איז דאָ אין בית=מדרש דער בריסקער פּרוש, אויך אַ בעוויַבטער, און פונדעסטוועגען איז ער אין אַזאַ מצב, ווי בעריל אַליין. און אַז יענער האָט שוין אַ „שבת" ביי אַ שענערען בעל=הבית, איז דען שוין גוט! זאָל דער בעל=הבית זיינער פון שבת זיין אַ חסיד, וועט ער מוזען זינגען זיינע חסידישע זמירות, כאָטש ער אַליין איז אַ מתנגד.

און בעריל איז געווען שטענדיג אומעטיג, פערטראַכט. און אויף די בעלי=בתים פון בית=מדרש האָט ער געקוקט מיט גרוים דרך=ארץ און מיט שטאַרק אַראָבגעפאַלענקייט. דערזעהענדיג אַ בעל=הבית נישט ווייט פון זיך, פלעגט ער זיך אויפשטעלען און נישט וויסען, וואוהין צו טהון זיין קליינעם, דאַרען גוף...

אַ בעל=הבית האָט ביי בערלען געהייסען יעדער, וואָס איז נישט קיין בעל=מלאכה. אַפּילו לייב דער געפאַלענער, וואָס לעבט שוין צעהן יאָהר פון קבצה, איז ביי איהם געשטאַנען העכער פון חיים דעם שניידער, וואָס האָט געהאַט אַנ'אייגענע שטוב און איז בכלל געווען נישט קיין עם=הארץ און פלעגט אַמאָל נאָכ'ן דאַוונען זעצען זיך אין בית=מדרש ביי אַ ספר.

– ס'איז פאָרט אַ בעל=מלאכה! פלעגט בעריל בעשליסען, קוקענדיג דאַן אויפ'ן שניידער – עס איז גאָר אַנ'אַנדער שניט!...

וועגען די יונגע אַרבייטער האָט בעריל גאָר נישט געוואָלט טראַכטען – אויף זיי האָט ער שוין לאַנג אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד – דאָס זענען חמורים! האָט בעריל, אָהן אַ סך צו קלערען – בעשלאָסען.

און פלוצלונג, אין דער לעצטער צייט, דערוויסט זיך בעריל, אַז אַט די בעלי־מלאָכות זענען די גרעסטע יחסנים אויף דער וועלט. אַז זיי הייסען גאָר נישט קיין בעלי־מלאָכות, נאָר אויף לאַטיין — פּראָלעטאַריאַט, און נאָר דער פּראָלעטאַריאַט איז דער בעל־הבית פון דער וועלט, אַלץ געהערט צו איהם, ער האָט אַלץ בע־שאַפען און מיט דער צייט וועט ער טאַקי אַלץ אָבנעהמען און ער וועט געוועלטיגען איבער דער גאַנצער וועלט.

ווי אַזוי דאָס וועט ווערען, קען בעריל נאָך נישט משיג זיין. די עטליכע ידישע בראָשורען, וואָס ער האָט די לעצטע צייט וועגען דעם געלעזען בשתיקה אין בית־מדרש, האָבען דאָס נאָך איהם נישט דערקלערט. נאָר וואָס איז שייך? דעם גן־עדן האָט איהם די גמרא אויך נישט דערקלערט און פונדעסטוועגען גלויבט ער דאָך. היינט פאַר וואָס זאָל ער נישט גלויבען אין פּראָלע־טאַריאַט, אין וועלכען די גאַנצע וועלט גלויבט.

און בעריל זעהט טאַקי בחוש, אַז דער יחסן איז דער בעל־מלאָכה, דער פּראָלעטאַריאַט; די בעלי־בתים — שטעהט אין די ביכ־לעך געשריבען — וועלען אונטערגעהן — „אַזוי ווי אַ מעקענע פון אַ ווינד“. גיט בעריל אַ משל פון תהילים אין געדאַנק, און זעהט נקמה און ער האָט אויף זיי גאָר קיין רחמנות נישט. און וואָס וועט ער זיי אין דער אמת׳ן זשאַלעווען? דעם גרויסען נחת, וואָס ער האָט פון די בעלי־בתים געהאַט!.. סך־הכל האָט ער אויף אַלע „טעג“ זיך זאַט נישט אָנגעגעסען — זאָלען זיי פערשוואונדען ווערען! רעדט ער אוים מיט בעס.

אָבער וואָס וועט זיין מיט איהם, וואָס איז ער? דער גע־דאַנק לאָזט איהם נישט רוהען. צום בעל־הבתי׳שען קלאַס גע־הערט ער געוויס נישט, אַ שענער בעל־הבית איז ער, אַז ער האָט אפילו קיין קעסטיל נישט, און די איינציגע פאַר העמדער, וואָס ער

פֿערמאָגט, ליגען אין אַ שטענדער, וואָס האָט נראָד אַ טהירעלע מיט אַ שלאָס.

אָבער קיין פּראָלעטאַריער איז ער דאָך אויך נישט. אַרבײַ־טען ארבײַט ער ניט.

און ווער ווײַס? אפשר יאָ, לערנען לערנט ער דאָך נישט לשמה, נאָר צוליעב די טעג, הײַסט דאָך דאָס „טויש“, ווי אין די בראָשורען שטעהט. ער גיט תורה, און זײַ גיבען עסען. — עס איז אָבער אַ דרש, צווײַפעלט ער ביטער — וואָס דאַרפען די בעלי־בתים מײַן תורה, נאָר צוליעב יענער וועלט. און יענע וועלט איז אפשר אַ זאַך שלא בא לעולם...

אַלענפאַלס גלויבען דאָך נישט די פּראָלעטאַריער אין יענער וועלט. קענען זײַ דאָך מיר אין זײַער חברה נישט אַרײַננעהמען.

אָט, למשל, האָבען די אַרבײַטער געמאַכט אַ שטרײַק. אַז ער וואָלט געוועזען אַ פּראָלעטאַריער, וואָלט ער דאָך אויך גענדאַרפט שטרײַקען. ער איז אָבער געזעסען אין בית־מדרש און געלערנט, ווי אַלע מאָל. און זאָל שוין זײַן, אַז ער וואָלט נישט געלערנט, הײַסט עס דען געשטרײַקט! קײַנער וואָלט זיך אַפילו נישט אַרום־געקוקט.

— טאָ וואָס בין איך, ווער בין איך? פֿלעגט בעריל די לעצטע צײַט אַלץ מעהר און מעהר זיך פֿערטיפען אין דער פֿראַגע.

צו וועל איך צוזאַמען מיט אַלע העגדלער און קרעמער אויך אונטערגעהן, פֿערשווינדען, ווי אַ מעקעגע פֿון אַ ווינד?...

טרויעריגע געדאַנקען!...

ערשט נאָך פּורים, אַז בעריל האָט זיך געשטעלט אין אַ פֿאָדריאַד רעדלען מצה, האָט ער זיך אַביסעל בערוהיגט.

— איצט בין איך אַ פּראָלעטאַריער, ווי אַלע, האט ער נישט אָהן שטאָלץ געטראַכט, איך ארבייט 14 שעה אין טאָג.

דער לעצטער ארגומענט האט איהם אָבער בעאונרוהיגט. די אַרבייטער, די אמת'ע פּראָלעטאַריער, האָבען שוין אויסגעקעמפּפט אַ סך אַ קירצערען אַרבייטס-טאָג. נאָר די רעדלער ארבייטען נאָך אַלץ צו פיערצעהן שעה אין טאָג און אַמאָל — זעכצעהן.

צו וועמען ווענדט מען זיך וועגען דעם? ווער ווייס, צו וואָלטען די אמת'ע פּראָלעטאַריער איהם נישט אויסגעלאַכט, ווען ער זאָל זיך צו זיי ווענדען דערמיט.

און בכלל, ווען קען ער זיך צו זיי ווענדען? ביז פּסח האט ער אַפילו קיין צייט נישט אָבצוקערען זיך פון בלעך, און נאָך פּסח איז ער ווידער אוים פּראָלעטאַריער.

טאָ ווער איז ער פאָרט? און וואָס וועט מיט איהם זיין, ווען דער פּראָלעטאַריאַט וועט הערשען אין דער וועלט און די בעלי-בתים, די קרעמער און די הענדלער, הייסט עס וועלען פערשווינדען, אונטערגעהן?...

וועט ער אויך אונטערגעהן? אוי, ווי איהם ווילט זיך נישט אונטערגעהן!

און אום צו טרייסטען זיך, בעשליסט בעריל פעסט, אַז דער-וויַיל, בשעת ער רעדעלט איז ער זיכער אַ פּראָלעטאַריער. וואָס שפּעטער וועט זיין, וויל ער גאָר נישט קלערען. דיה לצרה בשעתה! דערמאָנט ער זיך די גמרא און האט גלייך חרטה:

— ווי קומט צו אַ פּראָלעטאַריער גמרא?

און צו פערטומלען די פראַגע פון דער גמרא, נעמט ער זיך שטייף צו דריקען דאָס רעדעל און צורייסט אַ מצה.

אברהם רייזען.

דער פסח'דיגער שבועות.

אז חיענע האט אויף מארגען נאך פסח איבערגעצעהלט איהר פערמעגען, דאס הייסט, אויסגעמאסטען די מצה־מעהל, די מצה־פארפעלעך און איבערגעצעהלט די מצות, איז זי ווי צודולט געווארען פון גרויס גליק. צייט זי איז בעל־הבית'טע, איז נאך ביי איהר אזוי פיעל ניט געבליעבען, און גראד האט זי אויף היינטיגען פסח געבאקען וועניגער ווי אלע יאהר, און זי האט ממש געציטערט איבער א שטיקעל מצה. און אפשר איז טאקי דערפאר אזוי פיעל געבליעבען, ווייל זי האט געציטערט... איהר שמחה איז געווען אזוי גרויס, אז זי האט עס אליין ניט געקאנט פערטראגען און זי האט געמוזט טיילען זיך מיט איהר שמחה מיט א שכנה:

— דו וועסט גאר ניט טרעפען, ביילה, ווי פיעל ביי מיר איז געבליבען מצה־מעהל מיט מצה־פארפעלעך מיט גאנצע מצות.. דו וועסט גאר ניט טרעפען...

און מיט א שטראהלענדען פנים האט זי ענטדעקט די צאהל.

— א האלבער טאפ מצה־מעהל, א טאפ פארפעלעך און א 20 גאנצע מצות...

און א סך שכנות האבען אזא פערמעגען פון חיענען מקנא געווען:

— לייט האבען מזל! האט איין שכנה אונטערגעזיפצט — איך

בין אַ קלענערע געזינד און האָב געבאַקען מעהר, און בײַ מיר איז גאָר נישט געבליבען — לײַט האָבען מזל...

אמת, מיט׳ן מזל האָט שוין די שכנה איבערגעטריבען, חײַענע׳ס מזל איז די לעצטע יאָהרען און דערהויפּט דאָס לעצטע יאָהר׳ ניט אַזוי גלענצענד געווען. דער מאַן איהרער זרח, וואָס האָט געהאַנדעלט מיט תבואה, און האָט קײנמאָל ניט פֿערדינט קײן סך, האָט הײַנטיגס יאָהר נאָך צוגעלעגט בײַ אַ ספּעקולאַציע מיט האָבער. און דאָס לעבען איז געוואָרען וואָס אַ טאָג שווערער...

און דערפֿאַר טאַקי איז בײַ חײַענע׳ן געווען אַזאַ שמחה, וואָס איהר איז אַזוי פֿיעל געבליבען פֿון פּסח. קײן געלד איז אַ גראָשען ניט געבליבען און פֿון די מצה־מעהל און מצה־פֿאַרפֿעלעך וועט זי האָבען וואָס צו קאָכען אַמאָל אין מיטען וואָך און טאַקי שבתים מאַכען...

און חײַענע האָט אַפֿילו מיט דעם איבערגעבליבענעם פּסחדיגען נוטס אויך נאָך יום־טוב געקאַרגט. אַ פּאָר טעג פֿאַר שבועות, אַז זי האָט ווידער אויסגעמאָסטען און איבערגעצעהלט איהר פֿערמעגען, האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז זי איז ווידער אַ נגידה! עס איז איהר נאָך געבליבען אַ קוואָרט מצה־מעהל, אַ האַלבער טאָפּ פֿאַרפֿעלעך און צעהן גאַנצע מצות... זי וועט ווידער „פֿערשפּאָרען" צו באַקען חלה לכבוד שבועות זי וועט נאָר קויפֿען אַ פֿונט פֿלײש און וועט האָבען דעם יום־טוב פֿאַר פֿול.

און נאָך אַ גליק האָט איהר געטראָפֿען: אַ גוי׳ה, איהרע אַן־אַלטע גוטע פֿרײַנדין, האָט איהר געבראַכט אַ מתּנה דרײַ אײער. און חײַענע האָט בעשלאָסען צו מאַכען לכבוד שבועות עטליכע קנײדלעך. שמאַלץ וועט זי אַראָב׳גנב׳ענען פֿון דעם פֿונט פֿלײש און וועט עס אויספּרעגלען. אמת, קנײדלעך זענען בעסער, ווען מען מאַכט זײ מיט גענוזענע שמאַלץ, נאָר מאַלע. וואָס ס׳איז גוט — שבועות איז גוט וועלכע קנײדלעך ניט איז. עס איז דאָך נאָר מותּרות...

און די ערשטע נאַכט פון שבועות איז בײַ חיִענ׳ען גע־לעגען אויפ׳ן טיש 2 מצות, וואָס האָבען געדיענט אַנשטאָט חלות, אויף וועלכע זרח האָט געמאַכט קידוש און האָט זיך טאַקי צוליעב דעם סקאַפּיטשעט: אַנשטאָט „זמן מתן תורתנו״, האָט ער זיך אַרויסגעזונגען: „זמן חירותנו״... און דאָס יונגעלע, בערעלע, האָט אַפילו ניט געוואַגט, אָבער, דאָך האָט ער שטיל פערריכט: טאַטע, „זמן מתן תורתנו״... און זרח האָט זיך פערשעהמטערהײַט, צוריק פערחאַפּט...

די יאָיך איז אויך געווען אַ פּסח׳דיגע: מצה־פאַרפעלעך, און נאָך דער יאָיך האָט חיִענע געטײַלט קנײדלעך.

— אַנ׳אמת׳ער פסח! האָט בערעלע געזאָגט ניט מיט גאָר אַ צופריעדענעם טאָן.

— נו, איז בכן! איז זרח בײז געוואָרען... מען טאָר ניט, וואָס?... גוי, האָסט דאָך געלערנט מה נשתנה: אַלע נעכט פין אַ גאַנץ יאָהר, אַז מיר ווילען עסען מיר חמץ...

— און אַז מיר ווילען עסען מיר מצה... האָט בערעלע בע־וויזען ווידער זײַן למדנות און מיט אַ ניגון אויסגעזונגען, און האָט שוין געוואָלט, זײַענדיג צופריעדען פון די צוויי קנײדלעך וואָס ער האָט בעקומען, אויסזינגען דעם גאַנצען „מה־נשתנה״, נאָר אַ חליפּערײַ האָט איהם איבערגעריסען...

— בהמה, וואָס ווײַנסט דו — האָט זרח זיך געווענדעט צו דער ווײַנענדיגער חייענע, וואָס פערשטערסט דו דעם יום־טוב... פון זמן... איך מײן פון מתן תורתנו.

גאָר חייענע האָט נאָך שטאַרקער זיך צעוויינט... און די קנײדלעך איז שוין קײנעם ניט אײַנגעגאַנגען.

גאָר ניט פֿרעהליך.

חיים שאַפּירא א ייד פֿון אַ יאָהר 50, אַ גביר פֿון אַ פּאָר הונדערט טויזענד רובעל, געהט אַרום ווי צומישט. נעכטען אי אין דער זעלבער גאַס, וואו ער וואָהנט, פֿאָרגעקומען זעהר אַ מיאוסע מעשה. אַרבייטער זענען בעפֿאַלען אַ פֿודר ברויט און האָבען עס צושלעפּט ביז אַ ברעקעל. ער האָט עס אפילו אַליין ניט גע־זעהען, נאָר אַלע דערצעהלען עס, און צוויי פּריקאַזשציקעס זיינע האָבען געשוואָרען, אַז זיי האָבען דאָס טאַקי אַליין מיט זייערע אויגען געזעהען.

— ווי הייסט געחאַפּט? — האָט ער פֿון אָנפֿאַנג ניט געוואָלט פֿערשטעהן: — ס'טייטש, ווי אַזוי האָט מען דאָס געלאָזען? איז דען הפֿקר אַ וועלט?

— נו, וואָס מאַכט מען מיט הונגעריגע? האָט איהם איינער צוריק געענטפֿערט.

— הונגעריגע?! — האָט חיים אויסגערופֿען און ניט געפֿונען נאָך דעם וואָס צו זאָגען — נאָר באַלד האָט ער אַ גלעט געטהון זיין געדיכטע שען פֿערקעמטע באָרד, געריוועז אַ טרייסעל געטהון די גאָלדענע קייט פֿון זיין זייגער, וואָס האָט געפֿינקעלט אויף זיין ברוסט, און האָט צוגעגעבען: אַז מען איז הונגעריג, בעט מען, אָבער

ניט חאַפּען! וואָס איז? איז דען הפקר אַ וועלט? איך וואָלט זיי געגעבען פֿאַר חאַפּען!...

ער שטעלט זיך אָב, האַפּט דעם אָטהעם און גיט אַ פֿרעג:

— נו, און פּאָליציי, ס׳טייטש, וואו איז געווען פּאָליציי?...

— פּאָליציי... וואָס קען פּאָליציי טהון? ביז וואַנען זי האָט זיך געהאַפּט, זענען זיי זיך צולאָפֿען. אַפּאַר האָט מען יאָ אַרעסטירט.

— אַי, וואָלט איך זיי געגעבען! — קומט חיים אַריין אַלץ מעהר אין כּעס. — כ׳וואָלט זיי געוויזען, וואָס הייסט חאַפּען... איך וואָלט...

ער דערשרעקט זיך פֿאַר זיינע אייגענע ווערטער. עפּעס רעדט ער היינט גאָר ניט ווי אַ ייד; מענשען זענען הונגעריג, געהען אום אָהן אַרבייט, וואָס זאָלען זיי טהון? געהונגערט האָט אַפֿילו חיים קיין מאָל אין זיין לעבען ניט. אָבער דאָך פֿערשטעהט ער, אַז הונגער איז ניט קיין גוטע זאַך, פֿון דעסטוועגען טאָר מען דאָס ניט גרינג מאַכען: עס איז אַ סכּנה. היינט זענען זיי הונגעריג, חאַפּען זיי ברויט, מאָרגען וועלען זיי וועלען חאַפּען אַנדערע זאַכען. אם־כּן איז מען דאָך ניט זיכער מיט דעם פֿערמעגען...

בײַ׳ם לעצטען געדאַנק שטעלט ער זיך אָב און האָט מורא ווייטער צו קלערען. נאָר געגען זיין ווילען קומען איהם אַרויף אַלץ נעפֿעהרליכערע געדאַנקען און ער קען זיך ניט בערוהיגען.

ער געהט אַרוים אין גאַס און קוקט אין אַלע זייטען, ער וויל עפּעס דערקענען, אָנטאַפּען... די גאַס רוישט ווי אַלע מאָל; די וועלט איז ווי געוועזן. אָט זעהט ער, ווי אַ טרעגער שלעפּט אויפֿ׳ן פּלייצע אַ גרויסע קאַסטען. „נישקשה — טראַכט ער — אַז מען איז ניט פֿויל, קריגט מען אַרבייט!" ער איז מיט׳ן טרעגער יעצט שטאַרק צופֿרידען. ער ווייס אַליין ניט פֿאַרוואָס. ער האָט געוויס נעכטען קיין ברויט ניט געהאַפּט, ער קוקט זיך אין איהם איין, דאָס ערשטע מאָל אין לעבען זעהט ער גוט אַ טרעגערס פּנים

„אַן ערליכער ייד", טראַכט ער, האָרעוועט נעבאָך שווער"...
איהם ווילט זיך צוגעהן צו איהם און אַ זאָג טהון איהם:

— אַרבייט, אַרבייט, ר' ייד, וועסט דו אַלע מאָל האָבען ברויט..

ער האַלט זיך אָבער איין. עס פּאַסט ניט. ער טראָגט, זאָל ער טראָגען געזונטערהייט. וואָס געהט עס איהם אָן?

ער געהט ווייטער און קוקט ווידער אויף פיעל דורכגעהער. דערהויפּט וויל ער דערקענען אַרבייטער. אַנ'אַנדערער קוקט שאַפּירא'ן אַריין טיעף אין פּנים. חיים וואָלט שווערען, אַז דאָס איז געוויס איינער פון די נעכטיגע חאַפּער. ער קעהרט אָב דעם פּנים, האַלט צו די טאַש מיט דער האַנד און האָט שוין מורא צו קוקען. פּלוצלונג האָט ער בעגעגענט אהרן עפּשטיין. אַ ייד אַ גביר, זיינער אַ גוטער בעקאַנטער.

— גוט מאָרגען, פּאַני עפּשטיין! שטעלט ער איהם אָפּ.

— גוט מאָרגען! ענטפערט עפּשטיין צוריק, וואוהין געהט איהר עס, פּאַני שאַפּירא.

— ניטאָ קיין אַרבייט ... חע־חע־חע ... לאַכט כלומר'שט שאַפּירא.

— יאָ, יאָ! מאַכט עפּשטיין אַנ'ערנסטען פּנים. עס איז אַ שענער געלעכטער. איהר ווייסט, וויפיעל אַרבייטער עס געהען אום ליידיג?

— ווי פיעל? פרעגט שאַפּירא דערשראָקען.

— איבער צעהן טויזענד...

— עס קען ניט זיין! וויל שאַפּירא ניט גלויבען און ער ווישט דאָס פּנים מיט'ן ווייסען טיכעל, ווי ער וואָלט וועלען די גרויסע צאָהל אַרבייטער פון דאָרט אַראָבווישען.

— איך זאָג אייך! פערזיכערט עפּשטיין.

זיי בלייבען שטיל. ביידע האָבען, אַ פּנים, איינע טרויעריגע געדאַנקען, און ניט בעזונדערס סימפּאַטישע, און זיי שעהמען זיך אונטער...

אברהם רייזען

ענדליך קען שאפירא זיך ניט איינהאלטען און ער שיעסט אוים.

– זאגט מיר: מיט נעכטיגען וואגען ברויט איז טאקע אן אמת?

– מיט נעכטיגען ברויט איז נאך גאר נישט – ענטפערט עפשטיין מיט א שמייכעל, וואס שניידט שאפירא'ן, ווי מיט מעסערס. היינט איז געווען א שענערע מעשה.

– וואס? שטעלט אוים שאפירא די אויגען.

– פרעגט שוין גאר ניט! רעדט עפשטיין מיט א געמאלטען רוהיגען טאן, און שאפירא פיהלט, אז ער בלייבט אונטער זיינע הענד, און ער טרייבט איהם:

– דערצעהלט שוין! לאמיר הערען די פרעהליכע נייעס.

– פייערמאנס רעסטאראציע האט איהר ווען געהערט? פרעגט עפשטיין.

– עפעס ווי אין חלום – ענטפערט שאפירא – דאכט זיך, אן ארימע רעסטאראציע.

– אן'ארימע, א רייכע, א מיטאג קריעגט מען, דארטען עסען מיטעלער קלאס. עס קאסט, דאכט זיך, א פערטעלע א מיטאג. זענען געקומען צו געהן היינט אהין 30 ארבייטער, האבען זיך פיין ארומגעזעצט ביי די טישען און האבען זיך פיין אבגעגעסען א מיטאג. יעדערער...

– נו?

– און האבען זיך אלע מיט אמאל אויפגעהויבען און זענען ארויסגעגאנגען.

– און ניט בעצאהלט?! שטוינט שאפירא.

– צאהלען וועלען זיי! ענטפערט קאלט עפשטיין, וואו זאלען זיי נעהמען? א תירוץ – קריזיס!

— ס׳טייטש, וואו איז פּאָליצײַ?.. שרײַט שאַפּירא און האָט אײַנגענטליך גלײַך חרטה...

— וואָס פּאָליצײַ? ביז מען גיט זיך אַ קעהר, ווערען זיי ניט. דאָס איז אַ חברה׳לע, האַ?

— אַ חברה׳לע! זיפצט שאַפּירא און בלייבט פערטראַכט.

— מען איז ניט זיכער מיט׳ן לעבען! זאָגט ענדליך עפּשטײַן.

— ניט זיכער... ניט זיכער... שטימט אײַן שאַפּירא. מען האָט געדאַרפט זוכען עפּעס אַ מיטעל. עס איז דאָך קײַן חכמה ניט, נאָט ווײס, צו וואָס אַזױנע מעשיות קענען ברענגען. אונגליקליך קען מען ווערען.

— אודאי דאַרף מען זעהען עפּעס טאָהן...

— מען דאַרף גרינדען אַ חברה צו שטיצען זיי! חאַפּט זיך אַרױס שאַפּירא.

— אודאי מוז מען זיי העלפען, זאָגט עפּשטײַן.

מען דאַרף זעהען מאַכען אַ ג׳אַסיפה, פערערופען אַלע גבירים און פערמעגליכע מענשען און זעהען עפּעס טהון דערצו...

— איך גיב שוין דער ערשטער דריי רובעל! חאַפּט אַרױס שאַפּירא זײַן גרויסען פּאָרטמאָנע, זוכט צווישע די אַסיגנאַציעס אַ דריי רובעלדיגע, נאָר ער געפינט ניט. עס איז דורך אוים הונדערטער און פופציגער און פינף־און־צוואַנציגער, האָטש טהו זיך עפּעס, „אפשר האָט איהר פּאַר אַ פינף־און־צוואַנציגער קליין־געלד״? ווענדעט ער זיך צו עפּשטײַן.

— ניין! צום בעדויערען האָב איך אויך בלויז גרויס געלד — הונדערטער און פופציגער. נאָר עס מאַכט ניט אוים, מיר גיבען צו דריי רובעל. ביז מען וועט אַלעמען אויפקלייבען, וועט אודאי געדויערען עטליכע טעג.

און די צוויי גבירים האָבען זיך בערוהיגטע צושײַדט.

אין א וואך ארום איז געגרינדעט געווארען א נייע חברה מיט'ן נאמען „צו שטיצען ארימע ארבייטער". דער הויפט מאכער איז געוועזען שאפירא. ער האט אויפגעגעבען א פלאן, אז קיין בארע געלד זאל מען די ארבייטער ניט געבען. ברויט זאל מען זיי נאר געבען. די ערשטע טעג האט ער זיך אנגענומען אליין מתעסק זיין אין דעם טהיילען.

אין א גרויסען צימער, וועלכען מ'האט עקסטרא צוליעב דעם געדונגען, איז געלעגען אנגעווארפען פיעל ברויט. די טהיר פון צימער איז געוועזען בעלאגערט פון עלטערע ארבייטער, ווייבער און קינדער.

שאפירא האט זיי מיט זיינע גרויסע אויגען בעקוקט און געהייסען, עס זאל זיין ארדנונג.

— איך וועל אלעמען געבען — אלעמען!

איינער אנ'ארבייטער פון א יאהר 25, אין א לאנגער קאפאטע, מיט א בלאסען פנים און אויסגעלאשענע אויגען האט זיך א רוק געטהאן איידער שאפירא האט איהם גערופען, צו א ברויט און האט עס געוואלט נעהמען.

— נאר ניט געחאפט — האט זיך שאפירא ווי דערשראקען. חאפען — ניט; דאס טאר מען ניט.

— איך חאפ ניט — האט דער ארבייטער זיך שוואך פערטיידיגט. — ער האט קענטיג פאר הונגער העכער ניט געקענט רעדען.

— זאג מיר דעם אמת — האט זיך צו איהם שאפירא מיט א פארשענדען שמייכעל געווענדעט. — דו האסט פאראכטאגען פון דעם וואגען ברויט געחאפט, צי ניט? זאג דעם אמת — מען וועט דיר גאר ניט טהאן, עס טרעפט זיך, אז א מענש טהוט אמאל א נארישקייט.

— וואס רעדט איהר? — האט זיך דער ארבייטער דערשראקען — מיר וועגען ניט פון יענער חברה: — יענע זיינען נאר אנדערע... האט אנ'עלטערער ארבייטער אונטער געהאלפען. יענע קומען אהער ניט.

גאר ניט פרעהליך.

— ווי הייסט יענע קומען ניט? האט שאפירא זיך געוואונדערט, פאר וואס?

— דאס זענען גאר אנדערע מענשען... זיי האלטען ניט פון צדקה... האט דער ערשטער ארבייטער געוואלט צו פערשטעהן געבען, נאר ער האט ניט געוואוסט, ווי אזוי.

שאפירא האט אראבגעלאזען די הענד. הייסט עס, ער האט אין גאנצען א טעות געהאט. ער האט געמיינט, אז ער וועט זיי פערשטאפען די מיילער מיט א פאר ברויטלעך. ערשט געקומען זענען גאר סתם קבצנים. יענע זענען ניטא...

— וואו זענען יענע?! האט ער געוואלט א געשריי טהאן.

גיעט שוין מיר וואס מיר קומט — האט דער שוואכער ארבייטער געשטרעקט די האנד.

— וואס קומט דיר?! האט זיך שאפירא צוהיצט — קיין חלק האסטו דא ניט אריינגעלייגט. ווערסט אפשר אויך חאפען?

ער האט געהייסען די געדונגענע פון דער חברה, זיי זאלען טהיילען און ער אליין איז אוועק.

— אנ׳עסק! האט ער געשפייט געהענדיג. איך האב געמיינט, אז דאס זענען יענע — ערשט עס איז גלאט קבצנים. מיט יענע איז טאקע א פנים גאר ניט גוט... צו זיי איז גאר קיין עצה ניטא...

— גאר ניט פרעהליך! האט ער געזיפצט געהענדיג...!

דער אנהויב און דער סוף.

אין דער „בעריענונג" איז בערמאן אריין צו זעכצעהן יאהר.
אין שטעדטיל איז געווען אומעטיג, געהן אלע טאג אין בית-מדרש
און הערען די חקירות און די מעשיות פון דעם פרוש און חייקעל
בטלן איז אפילו אינטערעסאנט, אבער אלץ ביז א צייט. לעזען איז
ניטא וואס. די אלע ביכלעך, וואס יענקעל דער מלמד האט גע-
האלטען אין טיש-קעסטיל און האט עס געגעבען אויף פראקאט, —
האט ער שוין דורכגעלעזען. קיין נייע שרייבט יענקעל ניט אויס:
עס לוינט ניט — זאגט ער — ער האט נאך פון א סך אלטע דעם
קרן ניט ארויסגענומען. מעדלעך איז אפילו אין זיין גאס פארהאן
עטליכע און צו א מעדעל ציהט שוין בערמאנ'ען פון לאנג... אז ער
איז אלט געווען 13 יאהר און האט געלערנט קדושין, האט שוין
דאמאלס זיין הארץ ניט געקענט איינרוהען, און די פאנטאזיע האט
עפעס ווילדע בילדער געמאלט, חאטש נעם ענטלויף פון דער
גמרא, פון רבי'ן, פון חדר... די מעדלעך אבער זענען אלע „פער-
נומענע" און האבען געשפילעלט ליבעם מיט גרויסע בחורים, און
אויף איהם האט מען געקוקט נאך ווי אויף א יונגעל. פלעגט ער
אמאל אננעמען א מעדעל פאר'ן האנד, אדער אזוי א טשעפע טהון,
פלעגט איהם דאס מעדעל מיט א שפאט אבשטויסען:

— ער אויך... וואס זאגט איהר צו זיינע יאהרען... נאך ד
מילך פון די ליפען ניט פערטריקענט...

וואלט ער אוועקגעפאהרען אין דער גרויסער וועלט ארײן,
וואו, לויט מען דערצעהלט, און לויט ער האט אין די ביכער גע-
לעזען, איז אזוי פרעדליך, דארף ער צום אונגליק זיין ביי ...

עלטערען אַ בן־יחיד און זיי ווילען איהם האַלטען נאָר אין דער היים...

דעריבער האָט דער ערשטער אַגיטאַטאָר, וואָס איז אַראָבגעקומען אין שטעדטיל, געהאַט דעם גרעסטען ערפאָלג ביי בערלען. דעם אמת געזאָגט, האָט בעריל די ארבייטער ניט ליעב געהאַט. מיט שלמה דעם שניידער, וואָס האָט געוואָהנט קעגען איבער זיינע עלטערען, האָט ער גאָר שלעכט געלעבט. ער האָט אַמאָל איהם ניט געמאַכט פאַרטיג אַ פאָר הויזען אויף סכות... אויף לייזער דעם שוסטער האָט ער אויך אַ האַרץ: ער זאָגט שטענדיג צו און מאַכט קיין מאָל ניט קיין „סקריפּקעס" אין די שטיוועל... בלייבט נאָר חיים דער טשעסלער — איז ער גלאַט אַ ייד אַ שוטה, און וואָס געהט עס איהם אָן, צו ער לעבט גוט אָדער שלעכט... נאָר עס געהט דען דערין? די אידעע פון סאָציאַליזם אַליין איז ניט קיין מאוס׳ע. אויף חיים מאיר טשאַרני דעם גביר פון שטאָדט איז ער טאַקי געווען אש להבה: אויף אַ מענשען זאָל מען שטענדיג דאַרפען וואַרטען שבת מיט׳ן דאַוונען ביז 9 אַ זייגער, און בערלען ווילט זיך שוין עסען... אויף איהם איז טאַקי אַ מצוה, אַז ער זאָל ווערען אוים גביר. און טאַקי פאַר וואָס זאָל ער אַזוי פיעל האָבען און דער אַנדערער גאָר ניט?...

דערצו האָט נאָך דער אַגיטאַטאָר פערשפּראָכען צו ווייזען ערשט, וואָס הייסט עקספּלאָאַטאַציע אין אַ פאַבריק. און אין שטעטיל האָט זיך דאַמאָלס געבויט אַ פאַבריק פון שוועבעליך, און בעריל האָט געוואָלט ווערען אַ גאַנצער מאַכער...

— איצט, פערשטעהט זיך, ביי בעלי־מלאָכות איז ניטאָ קיין סך אַרבייט, האָט דער אַגיטאַטאָר ערקלערט, אָבער אין פאַבריק הייסט מען שוין ניט בעלי־מלאָכות, נאָר אַרבייטער, וועלכע מוזען פיהרען אַ גרויזאַמען קאַמפּף מיט דעם קאַפּיטאַליזם... אָט דאָ הויבט זיך ערשט אָן אונזער אַרבייט, לויט מאַרקס און ענגעלס...

און אַז די פאַבריק האָט זיך אויסגעבויט און האָט אָנגעהוי-

בען צו ארבייטען, האט זיך ערשט פאר בערלען אנגעהויבען א לעבען. נישט קוקענדיג, וואס אלע ווייבער האבען געבענשט דעם פאבריקאנט, וואס איז אראבגעפאהרען פון דער גרויסער שטאדט און האט אויסגערוימט אלע מעדלעך פון 12 ביז 20־יעהריגען עלטער, איז בעריל, א דאנק די ערקלערונג פון זיין רבי, דעם אגיטאטאר, מיט דעם דאזיגען פאבריקאנט ניט צופריעדען געווען.

– ער עקספלאאטירט! האט ער געהאלטען אין איין טענה'ן פאר דעם פרוש אין בית־המדרש, וואוהין ער פלעגט זיך נאך פון צייט צו צייט אריינכאפען.

– זאל ער טהון, וואס ער וויל, פלעגט איהם דער פרוש ענטפערען – ער גיעט אבער פרנסה דער שטאדט. פערהאן נקבות, זאגט מען, וואס נעמען צעהן גילדען א וואך.

– און פערהאן מעדלעך, וואס נעהמען צו פיערטעליך – פלעגט בעריל שפרינגען פון הויט...

– ביזטו בדלות! פלעגט דער פרוש לאכען: און אז זיי זענען געזעסען אין דער היים און געשלאגען זיך איינע מיט די אנדערע, איז געווען בעסער... שוטה!...

– אז איהר פערשטעהט ניט! פלעגט בעריל בייז ווערען.

א, ווען ער זאל איהם קענען געבען לעזען דעם „עולם־התהתון”, וואו דארט ווערט אלץ ערקלערט, נאר דאס טאר ער ניט. אזוינע ביכלעך גיעט מען ניט יעדער ארבייטער אפילו. דאס שמעקט מיט סיביר...

די אגיטאציע אין דער שוועבעל־פאבריק איז געפיהרט געווארען אויפ'ן גרויסען שטייגער. פראקלאמאציעס, וואס זענען אנגעקומען פון דער גרויסער נאהענטער שטאדט, האט מען געטיילט צווישען די מעדלעך פון דער פולער האנד. יעדע האט בעקומען צו עטליכע און עס איז נאך איבערגעבליבען ביי בערלען הונדערטער, וועלכע ער האט בעהאלטען ביי זיך אין קאסטען אונטער

די תּפֿילין און סדור'ל... אין די דאָזיגע פּראָקלאַמאַציעס האָט מען געררופֿען צום קאַמפּף קעגען די בלוט=זויגער'ס, די וואַמפּירען און טיראַנען, וואָס זויגען אויס דעם אַרבייטער'ס מארך, וואָס טרינקען זײַן בלוט, ווי וויין... און האָטש די אויפֿרופֿען זענען אַלע מאָל געווען געווענדעט צו זכרים, האָבען דאָך די מעדלעך פֿון דער פֿאַבריק זיי געלעזען מיט גרויס כּונה, פּונקט ווי די מאַמעס זייערע פֿלעגען דאַווענען מיט כּונה די אַלע מאַנסבילישע תּפֿילות.

בערלען אָבער איז עס געווען ווייניג, און ער האָט זיך מתיעץ געווען מיט דעם הויפּט=אַגיטאַטאָר, מיט וועלכען ער איז שוין געשטאַנען אויף איין פֿוס, אַז מען זאָל אַרויסלאָזען אַ פּראָקלאַמאַציע דירעקט צו די אַרבייטערינען פֿון דער שוועבעל=פֿאַבריק און אויפֿרופֿען זיי צום קאַמפּף און צו שטרייק...

די דאָזיגע אידעע איז דעם הויפּט=אַגיטאַטאָר שטאַרק געפֿעלען געוואָרען און גלייך האָט ער צוזאַמען מיט בערלען אויסגעאַרבייט 17 פֿאָדערונגען, וועלכע די מעדלעך שטעלען אַרויס, און באַם דער פֿאַבריקאַנט גיט זיי ניט נאָך, שטעלט זיך אַוועק די פֿאַבריק אין מיטען העלען טאָג, און די מעדלעך צוגעהען זיך.

אין דעם זעלבינגען טאָג האָט בעריל „קאָנספּעראַטיוו" איבערגעגעבען דער עלטערער פֿון פֿאַבריק, ביילקען, מיט וועלכער ער איז שוין בכלל געווען אַ גאַנצער שמעלקע און האָט שוין מיט איהר אָבגערעדט מיט דער צייט וואָהנען אין איין צימער צוזאַמען, — אַז זי זאָל איבערגעבען די אַלע 30 מעדלעך פֿון אַלע אָבטיילונגען, אַז היינט נאָך דער אַרבייט זאָל מען גלייך געהן אַהיים אָבעסען וועטשערע און נאָכדעם אויפֿקומען זיך אַלע אין וואַלד.

— נאָר קאָנספּעראַטיוו — האָט ער אויסגעלאָזט מיט אַ בעזאָרגטען און ערנסטען טאָן — מען זאָל געהן פּאָרווייז און זעהן אויסמיידען דעם אוריאַדניק און דעם סאָטסקי, וואָרום זיי שפּיאָנירען...

סוֹף הַזְּמַן.

עֶס איִז גֶעוועֶן דעֶר עֶרשטעֶר שעֶנעֶר ניסן-טאָג, די זון האָט ווי אַ גוטעֶ צאָהלעֶרין, וואָס איהרעֶ געֶשעֶפטעֶן זעֶנעֶן גוט אוועֶק, געֶוואָרפעֶן מיט שטראַהלעֶן אויף ליִנקס און רעֶכטס, ווי געֶזאָגט: נאַט, קינדעֶרליך! האָט צו מיר פאַר'ן שווערעֶן ווינטעֶר קיין טענות ניט. און דערצו האָט זי פון הימעֶל אַזוי טריי געֶשמייכעֶלט, אַז מעֶן האָט פעֶרגעֶסעֶן די הויכקייט איהרעֶ און עֶס האָט זיך געֶקאָנט דאַכ־טעֶן, אַז זי איז נאָר נאָהנט צו דעֶר עֶרד — און באַלד ווערט זי אַזוי צוגעֶלאָזט, אַז זי לאָזט זיך אַראָב גאָר־גאָר ניִדעֶריג צו דעֶר עֶרד, צו די אָרימעֶ שטעֶדטילדיגעֶ יידעֶן, ווייבעֶר און קינדעֶר...

אויסעֶר וואָס דעֶר טאָג איז געֶוועֶן אַזוי שעֶן, האָט זיך אין דעֶר זאַנפטעֶר לופט געֶפיהלט דעֶר טייעֶרעֶר, באַלד אָנקומעֶנדעֶר פסח. מעֶן האָט בחוש געֶהעֶרט, ווי עֶר געֶהט פון ערגיץ אַ געֶגעֶנד, וואָס געֶפינט זיך ניט אין דעֶר דאָזיגעֶר וועֶלט, גאָר גאָר פון אַנ־אנדעֶר ניט עֶרדישעֶן ווינקעֶל. זיינעֶ אָנזאָגעֶר זעֶנעֶן געֶוועֶן אין די צעֶהנדליגעֶר: די ווייבעֶר מיט די פעֶרקאַשעֶרטעֶ אַרבעֶל, וואָס זעֶנעֶן געֶשטאַנעֶן אויף די הויפעֶן, און מיט זון בעֶשטראַהלטעֶ פנים'עֶר האָבעֶן זיי געֶ'כשר'ט און געֶשייעֶרט טעֶפּ, פאַהנעֶן און לעֶפעֶל,

טאַקע פאַר'ן ליעבען גאָט; די טרענער, וואָס האָבען זיך געהוי-
דעט, סקריפענדיג אויף די איינגעבויגענע פלייצעס; די חדר-יונגלעך,
וואָס זענען שוין אַ פּאָר טעג בעפרייט געוואָרען פון די חדרים און
האָבען פערהילכט די גאַס מיט זייערע שטיפעריייען אין די האַלב-
אויסגעטריקענטע, האַלב נאָך פערפרוירענע און קויטיגע הויפלעך
און פרייע פלעצער.

נאָר איין קלמן דער מלמד האָט זיך אין דעם שענעם טאָג
שלעכט געפיהלט. אמת, מצה האָט ער שוין ווי-עס-איז אָבגעבאַקט,
אָבער בעצאָהלט האָט ער ניט. מען האָט איהם געטרויט ניט אויף
זיין עשירות, נאָר אויף זיין עהרליכקייט, און דאָס פערדריסט איהם
טאַקע: מען האַלט איהם פאַר אַן עהרליכען מאַן און פונדעסטוועגען
איז ער אַ בעל-חוב אין שטעדטיל אַריבער צוועלף קערבליך, אויסער
דער מצה. און פערדראָסיג איז, וואָס קיין בעל-חוב האָט ער ניט
געדאַרפט זיין. אדרבא, ווען די בעלי-בתים וואָלטען איהם אָבגע-
צאָהלט, וואָס איהם קומט, וואָלט ער אָבגעצאָהלט די 12 רובל
חוב, פאַר די מצות, און איהם וואָלט נאָר געבליבען אַ פופציגער
מזומנים.

ביים „פופציגער מזומנים" בלייבט ער ווי צורודערט. אַזאַ
עשירות וואָלט ער גאָר ניט געקאָנט פערטראָגען!.. און וואָס וואָלט
ער מיט אַזאַ מטמון געלד געטהון! ער וויל ניט קיין גרויסע גליי-
קען. ער וואָלט נאָר געקאָנט איינמאָהנען האָטש אַ 15 קערבליך צו
אָבצאָהלען די אַלטע חובות, פאַר די מצות און אַ דריי רובל'דיגען
אויף וויין און קליינינקייטען!

פופצעהן רובל! ווי אַזוי קלאַפּט מען זיי צונויף? אמת, ביי
די בעלי-בתים פון דעם זמן אַליין האָט ער נאָך פערציג רובל.
נאָר ווער וועט איהם געבען ערב-פסח געלד? אַ מלמד לעגט מען
אָב אויף נאָך פסח. ער איז שוין געניט, ער איז שוין ניט, נאָט
צו דאַנקען, דעם ערשטען יאָהר אַ מלמד... נאַטירליך, ווען ער

וואָלט נישט געווען אַזאַ בושת פּנים, וואָלט ער איינגעמאָהנט דאָס גאַנצע געלד. איהם קומט דאָך! מען זאָגט, אַז מען זאָל אַפילו אָנגעבען אין „סוד", קאָן מען אויך געווינען. נאָר ומשפטיו בל ידעום! דערמאָהנט ער זיך פון דאַוונען, און אַגב טאָמער פרעגט איהם דער סודיא: „און אַ שיין, ברודער, האָסטו?" און ער זעצט איהם אַריין אין תפיסה. גאָט זאָל שומר ומציל זיין, אַז מען פאַלט אַריין צו זיי אין די הענד...

איידער אַריינצוגעהן צו אַ בעל-הבית מאָהנען, געהט ער אַריין אין בית-מדרש אָנוואַרימען זיך. פאַר קלמנ'ען איז דאָך די ניסן-זון ניט גענוג וואַרים, אַז ער זאָל קאָנען לאַנג זיין אויף דער גאַס.

אין בית-מדרש איז וויסט. די פאָר קלויזניקעס זענען זיך צו-פאָהרען אַהיים, דער אַלטער פרוש האָט אין אַ ווינקעל שטיל גע-ברומט איבער אַ „ילקוט"... דער אונטער-שמש האָט געפוצט די גלעזער פון די לאָמפּען און אַן'אַלטע גוי'ע האָט געשייערט דעם גרויסען הענגלייכטער.

קלמן האָט זיך אַוועקגעזעצט, לויט זיין געוואָהנהייט, ביים אויווען, כאָטש ניט געהייצט האָט מען איהם פון לאַנג, האָט אַרויס-גענומען אַ לאַנג שטיקעל פּאַפּיר, וואו עס זענען געווען פערצייכענט די נעמען פון די בעלי-בתים און די חובות...

— חיים סנדלר... חמשה רו"כ...

עט, צו איהם איז ניטאָ וואָס צו געהן... אַ ייד אַן'אביון.

ער האָט ווידער זיך איינגעקוקט אין צעטיל:

— אַהרן בורסקי... שלשה רו"כ...

ער איז אַפילו תקיף אין מעמד... נאָר אַ גרויסער גראָבער יונג, אַ גאַרבער... ער האָט פּשוט מורא אַריינצוגעהן צו איהם, ס'איז דאָך נאַריש, שלאָגען וועט ער איהם ניט. נאָר ער איז צו הויך, צו געזונד פאַר איהם, קלמן האָט בטבע פיינט געזונדע, הויכע יידען...

ער לייענט ווייטער אין צעטעל:

— ר׳ העניך מוכר תבואה... שבע רו״ב...

ער איז א ייד א נגיד, וואהנט אין עק גאס און האנדעלט גרויס... אנ׳איידעלער ייד איז ער אויך. אלא וואס דען — א שווערער צאהלער... ס׳איז א פנים אזא טבע...

— פונדעסטוועגען — בעשליסט קלמן — דארף מען צום ערשטען צו איהם אריינגעהן, אפשר וועל איך עפּים אויסרייסען.

דער וועג איז א ווייטער, אזש אין עק גאס. העט־העט נאך די גוים... ס׳איז א ריזיקע... הינט לרוב... נאר קלמנ׳ען זאגט דאס הארץ, אז ביי העניך תבואה־הענדלער וועט ער היינט עפּים קריגען.

און חאטש קלמן גלויבט ניט אין „נארישקייטען", פונדעסטוועגען נעהמט ער פון טיש א ספר, מאכט מיט זיך אליין אב, אז אויב עס וועט זיך עפענען א בלאט און דער ערשטער אות וועט זיין א גראדינגער, איז א סימן, אז ער וועט גארנישט קריגען, טאמער אנ׳„אומ׳ינגער" — קריגט ער א מטבע...

צום גליק פאלט אויס דער ערשטער אות א „ה"... קלמן איז איצט זיכער, אז ביי העניכ׳ן קריגט ער געלד.

די קשיא איז נאר — וויפיעל? אפשר טאקע די גאנצע פינף, לויט עס בעטרעפט — „ה"!

נאר דאס איז א צו־גרויס גליק, ער פערלאנגט עס גארניט!

ביז קלמן האט זיך פערשלעפט צו העניך דעם תבואה־הענדלער, איז שוין די זון פערגאנגען. א קיהל פריהלינג־ווינדטעל האט מרה־שחורה׳דיג געבלאזען און קלמנ׳ען האט זיך עפּים מאדנע פערוואלט אויסגיסען דאס הארץ אין א מנחה־דאווענען. אויסערדעם האט ער גלאט מורא געהאט צו פערשפעטיגען טאקע מנחה און ער האט

שוין געוואָלט שטעלען זיך דאָ אין עק נאָס אונטער אַ בוים, אָב־דאַוונען מנחה, ווי גאָט האָט געבאָטען. דערבײַ האָט ער זיך דער־מאָהנט אָן פּסוק: „ויצא לשוח בשדה"...

פונדעסטוועגען האָט ער זיך בעטראַכט, אַז עס ניט מעשה־מלמד דאַוונען אויפ׳ן מיטען וועג, ס׳פּאַסט פאַר וועג־מענשען, און ער האָט בעשלאָסען טאַקע בײַ העניכ׳ן גופא אָבדאַוונען.

אַרײַנגעהענדיג צו העניכ׳ן, האָט ער געזאָגט אַ שטילען גוט־מאָרגען.

העניך, אַ ייד פון אַ יאָהר פינף און פערציג, אין אַ זײַדענער קאַפּאָטע מיט אַ פרײַנדליכען פּנים, האָט איהם בעגעגענט מיט אַן אויסגעצויגענער האַנד און געענטפערט:

— מען קאָן שוין זאָגען: גוט־נ׳אָוועגד! נאָר עס שאַדט ניט. וואָס ווענט איהר, רבי, זאָגען גוטס?...

קלמן האָט פערשעמט אַ הוסט געטהון, אַ שטאַמעל געטהון און אַרויסגעפּראַלט:

— איך האָב געוואָלט, איהר זאָלט מיר „פּאָזוואָליען" דאַוונען בײַ אײַך מנחה...

— מיט׳ן גרעסטען כבוד! אדרבא...

קלמן האָט פרײַער אָבגעאָטעמט, אָנגעהויבען מיט אַ גע־בראָכענעם ניגון זאָגען „אשרי", און נאָך „אשרי" אַיידעל אַ פרעג גע־טהון:

— וואו איז בײַ אײַך ערגיץ מזרח?..

העניך האָט נאָך פרײַנדליכער איהם געוויזען, וואו מזרח איז, געהייסען, אַז די קינדער זאָלען ניט רודערען, ווײַל דער רבי דאַ־וונט מנחה.

קלמן האָט עס געהערט און איז געווען געריהרט פון דער איידעלקייט, און האָט דערפאַר בעשלאָסען היינט קיין געלד ניט בעטען...

דער נגיד.

(ערצעהלונג).

ווי נאָר די ערשטע פריהלינגס־שטראַהלען פלעגען פאַלען מיט זייער ערשטען פרישען חן אויף די ווארשויער שטיינערנע גאַסען, פלעגט לייבען אָנהויבען ציהען אהיים אין דעם קליינעם שטעדטיל, וועלכעס ער האָט פערלאָזט צו פופצעהן יאָהר און וואו ער איז זינט דעמאָלט, שוין אַ יאָהר זעקס, ניט געוועזען.

ער פלעגט אָבער נאָר בלייבען ביים וועלען אַליין. לייבען האָט ביים אוועקפאָהרען צוגעזאָגט דעם טאַטען צו ווערען אַ מענש, וואָס דאָס האָט געהייסען אויפ׳ן טאַטענס לשון פערדיענען געלד, און אָט אין דעם זין איז ער נאָך גאָר קיין מענש ניט...

אמת, לויט זיין אייגענער איבערצייגונג, איז ער יאָ אַ מענש געוואָרען, איז שטאַרק בעלעזען אין דער יידישער, פוילישער און רוסישער ליטעראַטור, קאָן זיך האַלטען צווישען מענשען, האָט איידעלע יונגע בחורים׳לעך פאַר חברים, האָט שוין אַפילו אַ מעדעל, מיט וועלכע ער פיהרט כמעט ווי אַ ליבע. חאָטש גערעדט דערפון האָבען זיי ביידע נאָך ניט. אָבער פאַר דעם טאַטען איז ער נאָך אַלץ קיין מענש ניט, — געלד פערדיענט ער זעהר

װעניג, ער װאַרפֿט זיך קוים דורך מיט לעבענס־מיטעל, אַמאָל פֿון אַ לעקציע, אַמאָל פֿון איבערשרייבען, און אַמאָל לעבט מען צוזאַמען מיט חברים.

און אָהן געלד קומען אַהיים, װייסט לייבע, װעט ער זיין ביים אָרימען טאַטען זעהר אַ ניט געװאונשענער גאַסט.

מאַכט זיך אָבער אַ מעשה, אַז לייבע קריגט אַנ'אַרבייט אויף גאַנצע פֿופֿציג רובל! און עס קומט אוים דוקא אַ פּאָר װאָכען פֿאַר פּסח. דאָ האָט שוין דער געדאַנק װעגען פֿאָהרען אַהיים אָנגעהויבען אַרבייטען אַזוי שטאַרק, אַז לייבע האָט שוין ניט געקאָנט ביישטעהן און האָט זיך געקליבען אין װעג.

פֿון די פֿופֿציג רובל האָט לייבע געטראַכט, עס זאָל איהם בלייבען אַהיים ברענגען חאָטש אַ גאַנצען פֿינף און צװאַנציגער. קיין גרויסע סומע איז עס נאַטירליך ניט, אָבער לויט ער געדענקט נאָך, איז ביי זיי אין שטעדטיל חיים זעלדעס פֿעררעכענט פֿאַר אַנ'עושר און ער פֿערמאָגט איננאַנצען הונדערט רובל. און אַזוי פֿיעל, געדענקט ער, האָט מען יענעם געשאַצט. װי באַלד אַזוי, טרייסט זיך לייבע, קאָן מען זיך שוין מיט אַ פֿינף און צװאַנציגער װייזען פֿאַר'ן טאַטען...

האָט ער אָבער דעם חשבון שלעכט געמאַכט. דער אַנצוג האָט געקאָסט ניט װי ער האָט געמיינט צװעלף רובל, נאָר טאַקע גאַנצע פֿופֿצעהן, װייל פֿאַר צװעלף רובל איז די סחורה געװעזען אין צו־גרויסע קעסטליך; סחורות אין אַזוינע קעסטעליך האָט דערמאָהנט לייבע'ן די פּאָר ראַיכע בעלי־הגופֿ'ן פֿון שטעדטיל. דער הוט האָט אויך געקאָסט מיט אַ קערביל מעהר װי ער האָט גערעכענט; דערצו האָבען זיך אונטערגערוקט עטליכע אַלטע חובות, װאָס מען האָט געמוזט אָבצאָהלען, חאָטש עס האָט זיך שטאַרק ניט געװאָלט... מיט איין װאָרט, לייבען איז געבליבען באַרע פֿופֿצעהן קערבלעך. דאַרף קאָסטען די רייזע אַהיים, אַ שטעדטיל

אין לאמושער גובערניע, איבער דריי רובל, בלייבט איהם ריין געלד כך-הכל א צוועלף קערבלעך. דארף ער האבען אויף צוריק-פאהרען א דרייערל, הייסט עס, אז ער פערמאגט אלט קערבלעך...

פאהרט לייבע אהיים. נאך א זעקס-יעדריגען וואלגערען זיך אין ווארשוי קומען מיט אזא סומע, איז א מאוסע מעשה — דער טאטע וועט איהם אבגעבען זעהר א שלעכטען ברוך-הבא, וועט איהם זאגען שטעכווערטלעך, וועט איהם ברענגען פסוקים און אגדתות, אז אהן געלד איז מען גאר קיין מענש ניט, וועט איהם אייניטייטשען, אז עני חשוב כמת, ווי רש"י מאכט אויך א געוויסען פסוק, וועלכען לייבע האט שוין אין ווארשוי פערגעסען... ער וועט בייז פון איהם חוזק מאכען און וועט ברומען, לויט זיין שטייגער:

— אבגעווען זעקס יאהר אין אזא כרך און געבראכט אלט קערבלעך...

און לייבע קוקט ארוים אין פענסטער פון וואגאן, וואו עס פליהען פארביי טאנצענדיג און שפרינגענדיג דערפער, פעלדער, וועלדער, און עס דאכט זיך איהם, אז דאס אלץ מאכט חוזק פון זיינע אלט קערבלעך, וואס ער וויל שענקען זיין טאטען נאך א זעקס-יעהריגען וואלגערען זיך אין אזא כרך...

אז דער צוג האט זיך אבגעשטעלט, האט לייבע געזעהן, ווי פון די איבעריגע וואגאנעס זענען ארוים דריי יידען, צוויי פון זיי האט ער דערקענט: דאס זענען געווען שכנים. עס האט איהם גלייך א ציה געטהון צו זיי, געוואלט זיי געבען שלום-עליכם און פרעגען, וואס מאכען די עלטערען; נאר ער האט זיך באלד מישב געווען, אז עס איז גלייכער ניט לאזען זיך דערקענען. ער איז שוין אזוי אבגעוואהנט פון די דאזיגע יידען, אז ער וועט מיט זיי ניט וויסען, וואס צו רעדען, און זיי קאנען נאך פון איהם מאכען א געלעכטער. ער געדענקט פון אמאל נאך, אז פון א דייטש, בפרט פון אנ'-ארימען דייטש, מאכען די יידען חוזק.

צום שטעדטיל איז געווען צוצוגעהן אַ וויאָרסט וועגס. בײַ דער פּלאַטפֿאָרם זענען געשטאַנען צוויי פֿוהרלעך, שטעדטישע בעלי-העגלות. ער געדענקט אַפֿילו, ווי זיי הייסען. איינער איז הירשעל פּעשעס, אַ ייד אַ לץ, און דער צווייטער, ישראל מישעס, אַ בייזער און שווײַגענדיגער ייד. וואָלט איהם געווען פֿרעהליכער אויפֿ'ן האַרצען, וואָלט ער אודאי געפֿאָהרען מיט'ן לץ, לייבע אַליין האָט ליעב אַ גלײַכווערטעל. נאָר איצט האָט לייבע בעסער אויסגעקליבען דעם בייזען און שווײַגענדיגען, האָטש דער לץ האָט איהם מיט אַ שמייכעל געוואָרענט:

— איהר וועט, יונגער-מאַן, קומען מיט איהם אויף שבועות צו די ערשטע סדרים.

לייבע האָט זיך פֿון ווייץ פֿערקרימט אויף אַ שמייכעל, האָט זיך אַרײַנגעזעצט צום שווײַגענדיגען אין וואָגען, וועלכער איז געווען אָנגעפּאַקט מיט טוכלע שטרוי, אַזש עס איז איהם פֿערגאַנגען אין נאָז אַרײַן...

דער שווײַגענדיגער האָט זיך שווײַגענדיג אַוועקגעזעצט אויף דער קעלניע, אַ שמיץ געטהון דאָס פֿערד און האָט איבערגעיאָגט דעם לץ מיט זײַן דאַר פֿערדיל.

לייבען איז דאָס זעהר געפֿעלען געוואָרען, האָט צופֿריעדען געשמייכעלט און זיך געשטאַרקט:

— וואָס עס וועט זײַן, דאָס וועט זײַן!

צופֿאָהרענדיג צום טאַטענס שטיבעל, וועלכעס האָט זיך פֿאַר די זעקס יאָהר אַביסעל אַראָבגעזעצט און איז נידריגער געוואָרען אַזוי, אַז די צוויי פֿענסטער האָבען דערגרייכט אַזש די ערד, האָט לייבע מיט אַ שטאַרק קלאַפּענדיגען האַרצען אָבגעשטעלט דעם בעל-העגלה, רופֿענדיג צוטומעלטערהייד:

— דאָ, דאָ, ר' ישראל, דאָ, דאָ! שטעלט זיך... טפּררר...

דער שווייגענדיגער האט זיך אומגעקוקט צו איהם ווי פערוואונדערט, ארויסגעזייהט צווישען די ציינער: „ביזט זלמן אליה'ס בחור'ל? נא, האסטו א שלום עליכם".

איידער לייבע איז נאך אראבגעקראכען פון וואגען, זענען שוין פון שטיבעל ארויסגעפלויגען א חאליאסטרע פון זעקס קינדער, פון דריי ביז ניין יאהר אלט, א מעדעל פון א יאהר זעכצעהן מיט צוויי שווארצע דינע צעפעליך און הינטען א יידענע מיט פערקאשערטע קלייד און ארבעל, האלטענדיג אין האנד א פייכטען בעזים, און דאס אלץ האט אין איין קול אויסגעשאסען:

— לייבע!

לייבע איז דערשראקען געווארען און איז פאר שרעק געבליבען הענגען אויפ'ן ברעג וואגען, ניט אהין און ניט אהער.

— נו, קריך אראב, — האט דער בעל־העגלה בעפוילען, — און בעצאהל דעם צעהנעריל. איך האב ניט קיין צייט...

לייבע איז אראב פון וואגען, האט ארויסגענומען דעם טייסטער און גראבלענדיג זיך ארויסגעווארפען א דריי־רובל'דיגע...

אלע שטעהענדיגע האבען זיך אווארף געטהון אויפצוהויבען. די עלטערע שוועסטער מיט די צוויי שווארצע דינע צעפעלעך האט די ערשטע אויפגעהויבען און ניט ווי מיט איהר קול א געשריי געגעבען:

— דריי רובל!

— פאמעליך, ווי דו האלסט, — האט די מאמע מיט א שטראהלענדען געזיכט געווארענט, — גיב איהם צוריק.

— איך וועל עס ניט אויפעסען! — האט די שוועסטער זיך בעליידיגט און האט עס דערלאנגט צוריק לייבען. א פערשעמטער האט ער דאס געלד צוריק אריינגעלעגט אין טייסטער און פערדרוקט איהם אין בוזעם־טאש.

— פאמעליך, מיין זוהן, ווי דו האלסט דאס געלד, — האט

די מאמע געוואָרענט מיט אַ ווייכקייט, לאָזענדיג זיך געהן מיט לייבען אין שטיבעל, וואו עס האָט זיך ערשט אָנגעהויבען דאָס קושען זיך און וויינען פאַר שמחה.

קומענדיג צו זיך, האָט לייבע געפרעגט:

— וואו איז דער טאַטע?

— דער טאַטע, מיין זוהן, איז אַוועק אויפ'ן דאָרף. ביי אַ גוי האָט זיך געמאַכט קויפען אַ פּעקעלע חזיר-האָהר, קאָן זיין אַ פערטעלע פרנסה... ער דאַרף באַלד קומען.

לייבע האָט אַ זיפץ געטהון...

אין אַ שעה אַרום איז געקומען דער טאַטע, וועלכען דער ביין-יעהריגער בערעלע איז שוין געלאָפען אַנטקעגען נאָך אויפ'ן גאַס און אָנגעזאָגט די בשורה.

דעם טאַטען'ס באָרד, וועלכע לייבע געדענקט אַ לאַנגע און אַ שוואַרצע, איז פאַר דער צייט גראָה געוואָרען, די פּלייצע גע-בויגענער, און די אויגען טונקעלער געוואָרען... נאָכ'ן אָפּציעלען שלום-עליכם האָט דער טאַטע געפרעגט:

— נו, לייבע, וואָס האָסטו אויפגעטהון אין די זעקס יאָהר? קיין בריוולעך האָסטו נישט געשריבען... קיין עולה ניט. אַ בריעף קאָסט געלד... האָסטו האָטש אַביסעל געלד געבראַכט?...

— וואו — געלד? האָט לייבע סקעפּטיש געענטפערט לייכטער אַבזיפצענדיג.

— גאָר קיין געלד ניט געבראַכט, גאָר ניט? — האָט דער טאַטע אָנגעשטעלט די אויגען אויפ'ן זוהן, ווי פער'חדוש'ט און בייז צוזאַמען.

— גאָרניט!

— גאָרניט!!! ווי קאָן דאָס זיין!

לייבע האָט געשוויגען.

— אַנ׳עולה, אַ גרויסע עולה! האָט דער טאַטע געשטראָפט, געשוויגען אַ ווײַלע און ווידער גערעדט:

— פונדעסטוועגן אַ דרײַ רובל׳דיגע... כ׳מײַן עפּים... צו־שטײַער אויף יום־טוב...

— איך האָב בײַ זיך אַ רובל צוועלף... האָט לײַבע זיך אַרויס־געחאַפּט מיט דער גאַנצער סומע...

דער טאַטע האָט זיך ראַש אויפגעשטעלט, געמאַכט אַ טריט צוריק, אַ טריט פאָראויס, גענומען די באָרד אין האַנד און מיט אַ ווײַכען מוסר־טאָן זיך אָבגערופען:

— העט אַביסעל... האָסטו דאָך יאָ געלד... צוועלף רובל, וואָס הײַסט?... צוועלף רובל איז געלד... העט אַביסעל... אַ מענש קומט צופאָהרען און דערשרעקט מיך: האָט גאָרנישט געבראַכט... איז אַנ׳עולה; אָבער צוועלף רובל... צוועלף רובל איז געלד... ביזטו דאָך עפּיס אַ שטיקעל מענש...

— אַז מיר וואָלטען געהאַט מיט צווײַ וואָכען צוריק 12 רובל, וואָלטען מיר געקאָנט פערדיענען נאָך דרײַ, — האָט זיך ענדליך די מוטער אַרײַנגעמישט: עס האָט זיך געמאַכט צו קויפען בײַ אַ גוי אַ פוד וואָל — איז ניט געווען מיט וואָס צו קויפען, האָט אָבגע־קויפט חיים זעלדעס און איז נתעשר געוואָרען — פערדיענט דרײַ רובל...

— אַ קלײַניגקײַט צוועלף רובל, — איז דער טאַטע ווידער אַרײַן אין התפעלות, — אַז מען האָט צוועלף רובל, איז מען אַ נגיד בײַ אונז...

און אין אַ ווײַלע אַרום, נאָך אַ קורצער הכנה, האָט ער אַרויס־געהיסען ווי מיט געוואַלד אַ מין בקשה:

— דו וועסט מיר טאַקע באָרגען אויף יום־טוב אַ דרײַ רובל׳דיגע...

נאָר דאָ האָט די מאַמע איבערגעריסען מיט רוגזא:

— שוין! ערשט געקומען! ער בארגט שוין! ניטאָ וואָס צו באָרגען...

— ניין, כ'מיין ניט... האָט זיך דער טאַטע פאַרענטפערט... איך מיין טאַקע פון זיינטוועגן — מאַכען טאַקע אַ שענערען יום־טוב צו־קויפען מצה, מעהר מעד... אפשר טאַקע קויפען אַ קוואַרט ווין אַ צעהנלדיג אייער...

— איך וועל דיר געבען! — האָט זיך לייבע אָנגעחאַפּט מיט פרייד... איך וועל דיר געבען פינף רובל...

— ניין, חס־וחלילה... האָט דער טאַטע זיך צוהיצט, — פינף רובל דאַרף איך ניט... ס'איז גענוג דריי... דריי איז די והותר, די והותר!

נאָר לייבע האָט אַרויסגענומען דעם טייסטער, אויפגעעפענט און אַרויסגענומען אַ 5־רובל'דיגע און דערלאַנגט דעם טאַטען...

— גיסט טאַקע פינף! — האָט דער טאַטע, ווי פאַרשעמט פון גליק, איבערגעפרעגט.

— פינף! פינף, טאַטע!

— נו, ביזטו אַ מענש!

דער טאַטע האָט עס געהאַלטען אַ חיילע אין האַנד און זיך ענדליך פאַרזאָרגט:

— כ'ווייס גאָרניט, וואו צובייט מען עס... סיידען ביי משה דעם בעקער, ער האָט עס אַביסעל „געשניטען" געלד. פאַרדינט אודאי אַ 25־ער פון פסח'דיגע מעהל... אַ קלייניגקייט.

נאָכדעם האָט ער דעם 5־רובל'דיגען פאָרזיכטיג אַריינגעלעגט אין קעשענע און זיך אָנגערופען:

— צו פסח האָבען מיר נאָך צוויי טעג, איך רעכען מאָרגען נאָך אַרויסגעהן אויפ'ן דאָרף, מיט אַ 5־רובל'דיגען קאָן מען עפּיס אויפטהון. אז מען האָט אַ 5־רובל'דיגען, איז מען טיין זוהן, אַ נגיד...

אין אַ האַלבּ שעה אַרום, מען ווייסט ניט ווי אַזוי, האָט זיך איבּער׳ן שטעדטיל צוטראָגען די ידיעה, אַז לייבּע, זלמן אליה׳ס בחור׳ל, וואָס איז אַוועקגעפאָהרען אַ שנעק קיין וואַרשוי, איז איצט געקומען אויף פסח אַהיים צום אָרימען טאַטען און געבּראַכט אַ ממון מיט גאָלד.

אָרימע ווייבּער האָבּען זיך געבּענשט און די מאַנסבּיל האָבּען פאַר קנאה אונטערגעזיפצט און טרויעריג געבּרומט:

— בּיי לייטען קינדער!...

אַלט און יונג.

אַ בילד.

די אַלטע רייצע האָט אַ קאָנטראַקטין, האָט זי פון איהר צו זינגען און צו זאָגען:

— עס איז גאָר קיין מענש ניט! קלאָגט זי זיך פאַר איהרע נאָהנטע בעקאַנטע ווייבער, ווען זיי קומען צו איהר — גאָר קיין מענש ניט! איך בין דאָך אויך אַמאָל אַ מיידעל געווען און ברוך־השם אַ רייכערען טאַטען געהאַט — זי איז דאָך ניט דאָ געדאַכט אַ שלעפּערין — פון דעסטוועגען האָב איך דען אַ שטוב ניט געקענט אויסקעהרען? צו איך האָב געלאָזען ווען אַ טעלער שטעהן ניט קיין אויסגעוואַשענעם? עס האָט ביי מיר געפינקעלט און געבלאַנקט, און זי ווייס נאָר איהרע ביכלעך, חבר׳טאָרינס און חברים... אַז איך זאָג אייך — ניט אויסצוהאַלטען!.. זי נעמט ביי מיר נעכטען אַ גלאָז — נעמסט אַ גלאָז, מהיכי תתא! איך זשאַלעווע דען? נעם! וואַש אָבער אויס! ניין! דאָס ניט! — שטעהט ביי איהר די גלאָז אייננעריבט אין מילך און גאָר! — איך דאַרף היינט פריה טרינקען אַ גלעזעל וואַרעמ׳ס: סאָניע, וואו איז די גלאָז, וואָס דו האָסט נעכטען געליהען?.. וואו? ווען? זי ווייסט ניט! — ס׳טייטש, שרייַ

איך, האסט געכטען פארנאכט ביי מיר גענומען די גלאז? — איך ווייס ניט! זאגט זי קאלט און באלבעט עפים אויסוועניג אויף רוסיש. איך גיב זיך א חאפ. ערשט די גלאז שטעהט ביי איהר אונטער'ן טיש אין מילך. נו, סאנעלע, ווער איז איצטער גערעכט? לאכט זי! אז איך זאג אייך — ניט אויס צו דערהאלטען. הערט איהר — ענדיגט די אלטע רייצע איהר טענה — אהן איין אויסבערהאר קען טאקי קיין לייט ניט זיין. א מעדעל דארף האבען איין אויבערהאר! איך וואלט איהר ענטזאגט, מאכט זיך אבער ניט אזוי גיך קיין אנדערע!...

און סאניע, א יונג מעדעל, מיט לעבעדיגע שווארצע אויגען, א הויכע און שלאנקע, איז מיט רייצען אויך ניט צופריעדען.

— אוי, מעדלעך, האב איך א בעל-הבית'טע, קיי איך פון איהר די ערד. „פרעדסטאווטע סעביע”, אז זי לאזט מיר דעם „אוראק” קיינמאל ניט מאכען, וואס וויל זי? איך זאל איהר וואשען די געפעס, קעהרען די שטוב! ווי געפעלט זי אייך? פע! ענדיגט זי איהר קלאגען זיך — איך וואלט ארויס אין איין אנדער דירה — נאר איך האב קיין געלד ניט!

און סאניע בעט ביי איהרע חבר'טאָרינס א גמילות-חסד א דריי רובעלדיגע, וואלט זי זיך ארויסגעצויגען.

נאר די חבר'טאָרינ'ס האבען ניט און סאניע בלייבט וואהנען ווייטער ביי דער אלטער רייצען.

— סאניעלע! רופט זיך אן רייצע א וואך פאר פסח צו איהר קוואטיראנטין — ביזט אפילו א מעדעל א געבולבעטע. — האלסט ניט פון פסח, איך בין דאך אבער איין אלטע יידענע און איך וויל, זאלסט מיר עפים העלפען. וואש אויס האטש דיין צימערעל.

— מעהר פעהלט מיר ניט! ענטפערט סאניע, אומגעהענדיג

איבערן צימערל מיט'ן אָפּגעניעם ביכל אין האַנד – איך האָב יעצט די שווערסטע „אוראָקען״: דינגט אַ גוי!

– איך האָב נישט פֿון וואַנען, נאַרעלע! איך בין איין אָרעמע אַלמנה!

– איך וועל אײַך געבען עפּיס צו שטײַער! שמײכעלט סאָניע, וועלכע ווייס, אַז די אַלטע איז ניט אַזוי אָרעם, אַז זי האָט פֿון מאַן געקריגען אַ שענע ירושה.

– צו שטײַער וועט זי געבען! בריט די אַלטע – צאָהל אָב פֿריהער פֿאַר'ן חדש, מיר האָבען אויסגערעדט, אַז דו דאַרפֿסט צאָהלען „ס'גורא״, און דו צאָהלסט ברוך־השם „ס'דאָלו״.

סאָניע לאַכט זיך פֿאַנאַנדער פֿון די צוויי מאָדנע ווערטער, וואָס זייער בעדײַטונג איז, לויט די אַלטע האָט איהר אַמאָל ער־קלערט: „פֿאָראויס פֿאַר אַ חדש״, און „נאָכ'ן חדש״ דאָס אָבצאָהלען.

רײַצען רייצט דאָס יונגע קלינגענדיגע געלעכטער פֿון דער יונגער פֿערשײַטער מעדעל. זי גיט אַ קוועטש מיט די פּלײצעס, אַ מאַך מיט די אַלטע דאַרע הענד און געהט אַוועק מורמלענדיג:

– גאָר קיין מענש ניט, נאָר אַ „לופֿטיגע״!

און סאָניע בלײַבט אַליין אין צימערל, האָט חרטה, וואָס זי האָט דער אַלטער בעליידיגט ניט ווילענדיג, און ווע־ט ווי אומעטיג. באַלד דערמאָנט זי זיך אָבער די צוויי ווערטער: „ס'גורא״ און „ס'דאָלו״ און זי פֿאַלט אַנידער אויפ'ן בעטעל, פֿערגעהענדיג זיך פֿאַר געלעכטער...

– „ס'גורא״, „ס'דאָלו״! חאַ – חאַ!... „ס'גורא!... „ס'דאָלו!... חאַ – חאַ – חאַ!

איין אַכטאָג פֿאַר פּסח געהט אַריין רײַצע צו סאָניען אין צימערל, שטעהט אַ ווײַלע און קוקט אויף איהר מיט שטומע בליקען און נאָכדעם גיט זי אַ פֿרעג:

— סאָניעלע, וואָס איז מכּה מצה? דו האָסט דאָך נאָך קיין מצה ניט... סאָניעלע! ערשטענס, וועל איך דיר ניט לאָזען עסען דאָ חמץ, פערשטעהסט דאָך, און צווייטענס, וועסטו האָבען „כּרות“, וועסט...

נאָר דער אַלטער'ס ווערטער ווערען איבערגעשלאָגען פון אַ קלינגענדיגען געלעכטער, וואָס סאָניע האָט אויסגעשאָסען בּיי'ם וואָרט „כּרות“.

— קאָרעס! מהו! — שיעסט זי — וואָס איז דאָס „קאָרעס“, אַ פיש? — ... אוי, איך דערהאַלט ניט! חאַ — חאַ — !...

— בּיזט דאָך גאָר אַ משומדת'טע, וועה צו מיר — פערבּרעכט מיט די הענד די אַלטע, מען טאָר דאָך דיר אין אַ יידישער שטוב ניט האַלטען, פע!

די אַלטע קרימט זיך, שפּייט און זיפצט פון טיפען האַרצען, און די יונגע קייכט פאַר געלעכטער, אַזש טרערען בּעוויזען זיך אין איהרע יונגע שווארצע לעבּעדיגע אויגען. אַז זי בּערוהיגט זיך אַבּיסעל פון איהר היסטערישען לאַכען, ווענדעט זי זיך מיט אַ ערנסטען טאָן צו דער אַלטער:

— האָט קיין מורא ניט, רייצינקע, איך וועל קיין חמץ ניט עסען, קיין גויע בּין איך ניט.

די אַלטע רייצע ווערט בּערוהיגט, לאָזט אַרויס אַ לייכטען זיפץ און זאָגט:

— וואָס דען, מצה וועסט דו עסען? דאַרפסט אָבער זעהן אָנגרייטען, מען טאָר זיך ניט פערלאָזען אויפ'ן לעצטען טאָג...

— מיר דאַרף אָנקומען געלד פון דער היים די טעג, וועל איך קויפען! ענטפערט סאָניע מיט אַ טרויריג־צווייפעלדיגען טאָן.

— נו — נו! בּרומט מיט ספקות די אַלטע...

די אַלטע רײַצע זיצט בײַ׳ם סדר מיט איהר פּלימעניק. אַ ישיבה־בחור, װעלכען זי האָט גענומען, ער זאָל פּראַװען איהר דעם סדר.

סאָניע זיצט אין איהר צימערעל און לעזט אַ ביכעל. נאָר דורכ׳ן דינעם װענטיל, װאָס צוימט אָב איהר צימערעל, דרינגען אַרײַן די שטימען פון דער אַלטער און יונגען ישיבה־בחור, װאָס זאָגען די הגדה. און דער ניגון פון דער הגדה טראָגט איהר אַװעק װײַט ערגעץ אין אַ קלײן־שטעדטעל, פון װאַנען זי איז און עס פינטעלט איהר אין די אויגען...

— מצה האָב איך! דערמאַנט זי זיך — יויך אויך, אַ שטיקעל פלײש־קאָכט זיך אויך... מען דאַרף באַלד אָבעסען און אַװעקגעהן צו אַ הבר׳טאָרין... עפּעס אומעטיג!

און דער הגדה־ניגון דרינגט אַרײַן דורך דעם דינעם װענטעל און װעהעט אָן אויף דער יונגער מעדעל עלענדע, טריבע, מרה־שחורה׳דיגע געדאַנקען...

— סאָניע! — דערהערט זי פּלוצים אַ קול.

עס רופט זי די אַלטע. סאָניע פיהלט, װאָס די אַלטע ברויך איהר, און זי װערט רויט.

— סאָניע!

— װאָס דאַרפט איהר מיך?

— קום אַהער! — רופט די אַלטע װײַך.

נאָר סאָניע זיצט אונבעװעגט, זי שעמט זיך פאַר זיך אַלײן.

— אט אײן עקשנ׳טע! בײַזערט זיך די אַלטע און געהט אַרײַן אין צימערעל.

— מיר קריגען זיך אַפילו — הויבט זי אָן מיט אַ שמײכעלע — פון דעסטװעגען קום אַרײַן צו מיר, מיר װעלען פּראַװען צוזאַמען דעם סדר בײַזט אַזוי אַ װאָהל־מעדעל, אַביסעל „אַ לופטיגע״! נישקשה װעעט עלטער װערען, װעסטו זײַן אַ מענש, אַזאַ יאָהר

מיר, סאר'א חתן וועסט נעמען! – קום, קום! הויבט זי אן צו שלעפען און טענה'ט ווידער:

– מצה האסט דו, פלייש האסט דו, מיר וועלען דאס מאכען שותפות, איך – דיינע פלייש, דו – מיינע קניידלעך, שלי שלך ושלך שלי, ווי אין פרק שטעהט, נאר איך האב גאר פערגעסען, זאגסט קיין פרק ניט... נו, קום!

און די אלטע האט סאניען מיט גוואלט ארויסגעפיהרט פון צימערעל צו איהר צום טיש, און סאניע האט זיך אוועקגעזעצט קעגען דעם ישיבה־בחור. יענער האט אראבגעלאזען די אויגען. די אלטע האט עס בעמערקט און האט מיט א שמייכעל געזאגט:

– וועסט נעמען סאניען פאר א כלה! ניש קשה זי, איז א וואהל־מעדעל, נאר אביסעל א לופטיגע, זי וועט אויסטרינקען א ביסעל ווין און אויפעסען א פאר קניידלעך, וועט זי פרימער ווערען...

דער ישיבה־בחור האט אריינגעלעגט דעם קאפ אין דער הגדה און האט זיך פערקוקט אויפ'ן „תם", וואס איז געווען דארט אויסגעמאלט אין א הויכען קאפעלוש – – –

דורך אַשְׁפּאַלְט.

(ערצעהלונג).

דער צירק, וואס האט זיך אבגעשטעלט אין שטאדט, גיט חיים'קען, א צוועלף יעהריגען תלמוד־תורה יונגעל קיין רוה נישט. ער איז אלע מאל קיין גרויסער מתמיד ניט, אלע מאל איז זיין קאפ ניט בײ'ם לערנען, נאר דער גוטער יאהר וויים איהם וואו, און האפט נישט איין מאל בײ'ם לערנען פון קאפריזנעם מלמד א חלק פאר זיין ניט וויסען, וואו מען האלט. דער צירק אבער האט אין גאנצען איהם ווי מבולבל געמאכט און די קלעפ פון רבי'ן האבען זיך פערגרעסערט אויף א היבשען פראצענט. נאר אפילו צו די קלעפ גופא הערט ער זיך אויך ניט צו; בשעת דער רבי שלאגט איהם, וויים ער אויך ניט, וואו דער רבי האלט, צו ביי'ן רוקען, צו בײ'ם באק, צו בײ'ם קאפ. אויך דאמאלס, ביי די קלעפ, איז זיינע גאנצע געדאנקען וועגען צירק...

וואס איז אזוינס א צירק, וויים ער ניט, נאר יונגלעך, וועלכע האט געלונגען זיך אריינצוגנב'ענען אויף א רגע אהין, דערצעהלען זיך אן חדושים. מילא, קוליען זיך איז ביי איהם נישט פון די גרויסע זאכען: „חײקעל העגד" קען זיך אויך קונציג קוליען, אבער אויסער קוליען זיך ווייזט מען דארט אזוינע קונצען, וואס די האר

שטעלען זיך קאפויר. זאל זיין, אז דאס איז אפילו, ווי די יונגלעך ערקלעהרען דאס „טומאן״! נו, אז טומאן איז וואס? ווערט שוין דען קלענער דער אינטערעס? אדרבא, ווייל דאס איז „טומאן״, ווילט זיך חיים׳קען נאך שטארקער אנקוקען עס.

ווי אזוי אבער קוקט מען עס אן? ווי אזוי חאפט מען זיך אריין אינווייניג, חאטש אויף איין רגע. נאר עפיס זעהן, עפיס א שלינג טהון מיט׳ן אויג!

וועגען א בילעט צו קויפען, איז גאר ניטא וואס צו קלערען. דער וואלוועלסטער בילעט אויף „גאלעריע״ קאסט א גאנצען פערציגער. עס וואלט קאסטען א פיערער, קען ער נאך אמאל האבען א האפנונג צו גנב׳נען ביי דער מאמען; אמת, זי וואלט נאכדעם געווײנט, די האר זיך געריסען, און צוויי טעג נאך דעם וואלט זי אומגעגאנגען מיט א פערבונדענער באק פון צאהנוועהטאג, אבער צוליעב זעהן, וואס עס טהוט זיך אין צירק, וואלט ער עס געטהון: אז ער האט אמאל גע׳גנב׳עט א פיערער אויף זעהען „מכירת יוסף״ איז דען בילכער געווען?... א גאנצען פערציגער אבער, מיט אמאל, האט קיינמאל ניט די מאמע, סיידען ערב-פסח, ווען זי ברענגט א האלבען רובל פון „קאמיטעט״; בינדט זי עס אבער איין אין קאפ-טיכעל און שלאפט שוין דערמיט ביז מארגען פריה...

בלייבט נאר א צווייטער מיטעל: אריינגנב׳נען זיך. — איז ערשטענס חיים׳קע א שרעקעדיגער: ווי ער קומט צו נאהענט צום „איינגאנג״, הויבען זיך אן זיינע דינע פיסלעך צו שאקלען, ווי דעם רבי׳ס הענד נאכדעם, ווי זיי האבען עטליכע קלעפ געגעבען און דער אטהעם פערהאפט אידם, פונקט ווי אין טייך זומער, ווען חברה „לאבוסעס״ טונקען אידם אב... און צווייטענס, האט ער שוין געפרובט דאס אויך — צוויי מאל: — איינמאל איז ער שוין געווען נעבען „טהיר-פארהאנג״ און א צווייטען מאל שיער, שיער הינטערען פארהאנג, און ביידע מאל האט ער געלייזט עטליכע קלעפ פון

צווייערליי הענד: פון דעם בילעטער׳ס און פון דעם גאראדאוואי׳ם, אז איהם איז פינסטער געווארען אין די אויגען און ער האט גאר נים געזעהען...

דרעהט זיך חיים׳קע ארום נעבען צירק. אומעטיג איז אפילו נים, די גאנצע הילצערנע געביידע איז ווי בעלעגערט פון א גע־דיכטער מאסע; חברים פעהלען אויך נים; די גאנצע „תלמוד־תורה״ איז דא, דערצו שפילט מוזיק. אין אנ׳אנדער צייט וואלט דאס אליין פאר חיים׳קען גענוג געווען, בפרט, אז די מוזיק איז נאך א „וואיענע״, מיט א פויק, וואס ער האט דאס זעהר ליעב. אבער דאס אלעס אין פערגלייך מיט דעם, וואס עס טהוט זיך אינ־וויינינג, איז אזוי קליין, אז חיים׳קע קען זיך נים צופריעדען שטעלען, און ווי א פער׳סמ׳טער לויפט ער אום ארום די הילצערנע וועגד פון צירק און זוכט א שפאלט...

און זוכענדיג עטליכע אוועגדען, איבערטאפענדיג יעדעם בעטרעל פון צירק, האט חיים׳קע ענדליך געפונען א קליין שפעל־טעלע. קליין איז דאס שפעלטעלע טאקע געווען, אבער עס האט געהאט צוויי מעלות: ערשטענס, האט עס זיך געפונען אין יענער זייט, וואו קיינער נעהט נים, אזוי, אז חיים׳קע איז געווען זיכער מיט זיין „פאזיציע״, אז קיינער וועט זי איהם נים אוועקנעהמען, און צווייטענס, איז דער שפאלט אין דער נידער געווען און חיים׳־קע האט געקענט בעקוועם זיצען אויף די קניע.

ענטציקט פון דעם נעפינם, האט חיים׳קע די ערשטע מינוטען גאר פערגעסען אן צירק. דער שפאלט, וואס האט גאר געדארפט דינען אלס מיטעל, צו זעהן וואס אין צירק קומט פאר, איז ביי איהם עפים ווי אליין דער ציעל געווארען, ער האט א שפאלט, און איז שוין גליקליך! באלד אבער האט ער זיך דערמאנט, אז דעם שפאלט אליין דארף ער אויף בפרות, און ער האט גענומען אריינקוקען אינווייניג און זעהן, וואס קומט פאר אין צירק.

און חײם׳קע האָט גלײַך דערזעהן אַן „אַקטיאָרקע“, אָנגעטהון אין אַ קורצק לײדעל, בענעהט מיט פינקעלדיגע ברילִיאַנטען, שטעהט מיט נאַקעטע הענד און אַ נאַקעטער ברוסט. נעבען איהר שטעהט אַן „אַקטיאָר“ אָנגעטהון ווי אַן אָפיציער, טאַקי ווי אַן אֶמת׳ער אָפיציער מיט אַ סאַבליע אויף דער זײַט, און זײ בײדע ראַנגלען זיך... זי לאַכט און לאָזט זיך ניט „בײַקומען“; אָבער דער אָפיציער הויבט זי אויף אין דער הויך (אַ געזונטער אָפיציער! טראַכט חײם׳קע) לאָזט זי אַראָב צוריק אויף אַ בעטעל, וואָס שטעהט אין אַ ווינקעלע און ווערט מיט איהר „גוטע פרײַנד“ און הויבט זי אָן שטאַרק צו קושען...

— וואָס איז דאָס פאַר אַ קונץ! — טראַכט זיך חײם׳קע — שקצים מיט שיקסעס קושען זיך דאָך אויך...

נאָר מסתּמא וועלען די צװײ באַלד ווײַזען אַ שענערען קונץ. און חײם׳קע וואַרט, וואָס אײגענטליך פאַר אַ קונץ וועלען זײ ווײַזען. ער וואַרט אַ פּאָר מינוט, אָבער אויסער אַ ראַנגלעניס צווישען זײ בײדען זעהט ער נישט. באַלד ווערט דער אינטערעס נאָך קלענער, דער אָפיציער שטעהט אויף, נאָך איהם זי, און געהען אײנע נאָך די אַנדערע אַרויס.

— שעהנע קונצען! לאַכט חײם׳קע און האָט שוין חרטה אויף זײַן גאַנצער טרחה, וואָס האָט איהם געקאָסט צו זוכען אַזוי לאַנג אַ שפּאַלט.

פון דעסטוועגען אויף מאָרגען, אַז די יונגלעך אויפ׳ן תּלמוד-תּורה הויף האָבען גענומען שמועסען מיט ברענענדע אויגעלעך וועגען צירק, האָט זיך חײם׳קע ניט געקענט אײַנהאַלטען און האָט מיט אַ שטאָלצען קול אויסגערופען:

— איך האָב געכטען אַלץ געזעהן!

— וואו האָסטו געזעהן? האָבען די יונגלעך מיט אַ אונגלויבינגען טאָן, אָבער ניט אָהן קנאה, געפרעגט.

— איך האָב געפֿונען אַ שפּאַלט... איך האָב געזעהן...

— וואָס האָסטו געזעהן? עפּעס שענע קונצען? דערצעהל! האָבען די יונגלעך איינע נאָך די אַנדערע גענומען בעטען.

— ניין! דערצעהלען קען איך ניט.

— פֿאַר וואָס? פֿרעגט איינער פֿערוואונדערט.

— ווייל ער האָט גאָר ניט געזעהן – ענטפֿערט לאַכענדיג אַ צווייטער.

— ער „פּוצט" אַ מח, ווי צ'געלט אַ דריטער.

— איך האָב יאָ געזעהן... פֿערזיכערט חיים'קע, רויט ווערענדיג.

— טאָ דערצעהל...

— איך שעם מיך...

— חאַ-חאַ-חאַ! האָבען זיך די יונגלעך פֿאַנאַנדערגעלאַכט – ער שעמט זיך צו דערצעהלען...

און לאַנג האָבען די יונגלעך געלאַכט פֿון חיים'קעס ענטפֿער. עס האָט אָבער נישט געהאָלפֿען, ער האָט זיך געשעמט צו דערצעהלען, וואָס ער האָט געזעהן אין גאַרדעראָב-צימערל פֿון צירק.

דער בעל־שמחה.

— ניטאָ ר׳ חיים׳ען? האָב איך געפרעגט דאָס ווייב, ניט טרעפענדיג דעם בעל־הבית.

— אוועקגעגאַנגען! האָט דאָס ווייב טרוקען געענטפערט.

— ער וועט באַלד קומען?

— דאַכט זיך, אַז ניין, ער וועט ערשט קומען אַ זייגער פיער.

— וואו איז ער דאָס?

— וואו ער איז? וואו זאָל ער זיין? אויף אַ לויה אַוועק...

— עהער נעכטען איז ער דאַכט זיך אויך געוועזען אויף אַ לויה...

— ער האָט ברוך־השם אַלע טאָג אַ לויה: דאָ אַ קרוב, דאָ אַ בעקאַנטער, דאָ גלאַט שטאַרבט אַ גרויסער גביר, ווילט זיך איהם אַ קוק טהון די לויה... אַ מענש איז אַ שטענדיגער בעל־שמחה.

איך האָב דערפיהלט אין איהרע לעצטע ווערטער איראָניע. זי איז קענטיג אין כעס, וואָס ער גיט זיך אָב צופיעל מיט לויות אַז אַ פרוי איז אין, כעס האָב איך מורא צו רעדען מיט איהר ווייטער און איך בין אַוועקגעגאַנגען, אָבלייגענדיג מיין וויזיט אויף פיער אַ זייגער.

אברהם רייזען.

אַז איך בין געקומען פֿיער אַ זייגער איז נאָך ר׳ חיים אַלץ ניט געווען און אַוועק־זעצענדיג זיך אויף אַ שטוהל נעבען געגרייטען טיש, האָב איך רוהיג און שטום געוואַרט.

אַ זייגער האַלט פֿינף איז אָנגעקומען ר׳ חיים.

— מזל־טוב דיר! האָט דאָס ווייב זיך אַרויפֿגעוואָרפֿען אויף איהם.

— מיט מזל זאָלסטו לעבען! האָט ר׳ חיים פֿרעהליך געענטפֿערט, חאָטש עס איז געווען קענטיג, אַז ער פֿערשטעהט זיין ווייב׳ס כעס.

איך האָב אַ קוק געגעבען אויף ר׳ חיים׳ען און האָב געזעהן, ווי זיין פּנים האָט געשטראַהלט, פּונקט ווי ער וואָלט געקומען פֿון אַ חתונה, אָדער אַזוי פֿון אַ פֿרעהליכען מאַלצייט.

— געווען עפּיס אַ שענע לויה? האָב איך געפֿרעגט

— ניין, דוקא ניט קיין שענע — אַן אָרים יידעל געווען — האָט ר׳ חיים אויפֿגעלעגט געענטפֿערט — עס זענען געווען געצעהלטע מענשען, עהער נעבעך איז געווען אַ שענערע לויה... נאָר צו זילבערמאַנ׳ס פּאַראַלטאָגיגע לויה קומט עס ניט! האָט ער זיך בעגייסטערט — איהר זענט ניט געווען אויף זילבערמאַנ׳ס לויה? האָט ער מיך ערנסט געפֿרעגט.

— ניין! האָב איך קאַלט געענטפֿערט.

איהם האָט עס געוואונדערט און פֿערדראָסען, אויף זיין פּנים האָט זיך אויסגעגאָסען אַ פֿראַגע און אויסרופֿונגס־צייכען: „סטייטש“! און ער האָט געזאָגט:

— אַ שאָד. וואָס איהר זענט ניט געווען. עס איז געווען אַ שאַרפֿע לויה... איך בין אַזש אויפֿ׳ן בית־עולם געווען.

— איהר האָט ליעב לויות, האָב איך געשמייכעלט.

— שייך צו זאָגען ליעב — האָט זיך ר׳ חיים פֿערענטוועָרט. איך בין אַ מענש, וואָס גיה ערגיץ ניט... איהר וועט גלויבען, איך

האָב דאָך אַ גרויסע משפּחה, דאָ טרעפט אַ חתונה, דאָ אַ ברית, דאָ אַ בר־מצוה, און אומעטום בעט מען מיך, — סטײַטש, ווי דען? שייך בעטען! מיט קאַרטעס, און אַליין קומט מען צו געהן בעטען, נאָר איך געה קיינמאָל ניט, וואָס האָב איך ניט געזעהן דאָרטען? אַ חתונה איז אַ חתונה! מען מאַכט זיך אַביסעל נאַריש... וואָס, וועז? איך האָב דאָס ניט ליעב...

— און אַ לויה האָט איהר ליעב? האָב איך זיך געוואונדערט.

— שייך זאָגען ליעב... ווי האָט מען עס ליעב אַ לויה... נאָר צו אַ לויה ציהט מיך עפּיס, עס איז פאַר מיר עפּיס אַנ'ענין... עס איז פאַרהאַן דערין אַ תוך... איהר פערשטעהט?... עס איז ניט פּוסט, איך זעה דאָ אַנ'אמת: אַ מענש שטאַרבט, מען טראָגט איהם אוועק, מען גיט איהם אַ שטענדיגען אָרט, עס איז עפּיס אָבגעטהון אַ ווילטיג געשעפט, עס איז זיך ניט נאַריש געמאַכט...

— נו, און וויינען ווײַנט איהר קיינמאָל ניט אויף אַ לויה? האָב איך געפרעגט.

— חאַ—חאַ—חאַ — האָט ער זיך פאַנאַנדער געלאַכט — וויינען? אויף אַ לויה וויינען! אַ יירענע בין איך, וואָס? דאָס איז מיר אַ געוועהנליכע זאַך. בײַ מיר אַ לויה, אויב איהר ווילט וויסען דעם אמת, איז אַ שטיקעל שמחה... כ'לעבען אַזוי, געפּטר'ט אַ מענשען, הײַסט פּטור געוואָרען פון אַ צרה... וועניג צרות איז דאָ אויף דער וועלט, וואָס?...

איך האָב אויף איהם אויפגעהויבען מײַנע אויגען און האָב זיך געוואונדערט: זײַן פּנים האָט געשײַנט, ווי בײַ אַנ'אמת'ען בעל־שמחה...

כָּל דִכְפִין.

I.

בּערִיל אִיז געוועזן אַ יונגער סאָלדאַט.

שווער אִיז איהם געוועזן דִי ערשטע צײַט צו געוואָהנט ווערען מִיט דער קאַזארמע-לופט, מִיט דער דִיסציפּלִין, מִיט דִי חברים... אָבער דער געדאַנק, אַז אויף פּסח לאָזט מען אָב דִי יִדִישע סאָלדאַטען אַיִן, שטאָרט האָט איהם געשטאַרקט און, ער האָט אַלע פערפאָלגונגען אַלס יִיד, אַלס סאָלדאַט און אַלס „נאָוואָבראַניעץ" אִיבערגעטראָגען פִילאָסאָפִיש-געדולדִיג, און ער פלעגט נאָך שטאַרקען דִי אִיבּרִיגע פּאָר יִידלעך פון ראָטע:

— פּסח, בּרִידער, וועלען מִיר אַ לעבּ טהון...

קײַן געלד האָט בּערִיל פון דער היים נִיט בּעקומען, זײַן מאַמע אִיז שוין לאַנג טויט, און דער טאַטע אִיז געוועזן זעהר אָרִים. ער האָט זִיך אַפִילוּ געווענדט צו זײַנער אַ רײַכער מומע ערגִיץ, נאָר זִי האָט איהם נִיט געענטפערט, האָט ער געפּרוּבּט מזל און זִיך געווענדט צום בּעל-הבּית, וואו ער האָט אַ שטעלע געהאַט, האָט ער איהם אויך נִיט געענטפערט, האָט ער געלִיהען בּײַ אַ חבר אַ זעקסער אויף אַ קאַרטעל און האָט אַוועקגעשרִיבּען אַ בּרִיפעל צום טאַטען.

האָט איהם דער טאַטע געענטפֿערט, אַז ער קען איהם ניט שיקען, און דערצו נאָך האָט ער געשריבען, אַז ער איז איהם ציַיטען־וויַיז מקנא...

הייסט עס, דער טאַטע הונגערט...

און ווען בעריל וואָלט געקענט, וואָלט ער זיַין לעבעל בריוט, וואָס ער בעקומט אַלע דריַי טעג, אַהיים אַוועקגעשיקט...

און פֿון דאַמאָלס אָן האָט ער אויפֿגעהערט צו שריַיבען ערגיץ אין בעטען געלד, און איז אויסגעקומען מיט די „קאַזיאָנע" שכירות, וואָס ער בעקומט אַלע צוויַי חדשים—דריַי גילדען מיט פֿיער גראָשען...

עס איז אַפֿילו ווענינגלעך, נאָר וואָס זאָל מען טהון: מען דאַרף קענען קאַרגען.

און בעריל האָט אָנגעהויבען רויכערען מאַחאָרקע...

די ערשטע טעג האָט עס איהם אַפֿילו געשטיקט און נאָך יעדער אויסגערויכערטען פּאַפּיראָס פֿלעגט איהם דרעהען דער קאָפּ. אין אַ וואָך אַרום אָבער איז ער אַזוי געוואָהנט געוואָרען צו מאַחאָרקע, אַז בעקומענדיג פֿון אַ רייַכערען סאָלדאַט אַ „איידעלען" פּאַפּיראָס, האָט ער נאָך אַ פּאָר ציה זיך פֿערקרימט און געזאָגט:

— שוואַך ווי גראָז — מען קען גאָר ניט רויכערען...

וועש וואַשען איז די ערשטע וואָכען געווען פֿאַר איהם אַ גרויסע הוצאה; נאָר דאַמאָלס האָט ער נאָך געהאַט אַ פּאָר רובל פֿון דעם היים, האָט ער די דאָזיגע הוצאה ווי עס איז פֿערטראָגען. פֿון די קאַזיאָנע שכירות האָט ער אַזאַ מותרות שוין זיך ניט געקענט ערלויבען און וועש פֿלעגט ער וואַשען אַליין — אין באָד.

און דוקא קלאָר און ריין. עס איז איהם אַפֿילו געפֿעלען געוואָרען — אייגענע מיה!..

און אַזוי וואָלט ער שוין אויסקומען אָהן געשיקטע געלד פֿון דער היים, ווען ער זאָל האָבען אויף פּסח חאָטש אַ פֿינף רובל'דיגע...

פסח וועט ער קיין חמץ ניט עסען... פרום איז ער אפילו ניט, פון קעסעל עסט ער יאָ. אָבער פסח עסען חמץ! — ניין! א חלול השם!

און בעריל האָט ניט געוואוסט, וואָס וועט ער פסח טהון?

ער האָט אויסגערעדט זיין הארץ פאַר נאָך א יידישען יונגען סאָלדאַט:

— וואָס וועט דאָס זיין פסח?

— פסח! האָט יענער געענטפערט — וואָס הייסט? ס'איז דאָך א יידישע שטאָדט...

— וואָס הייסט! האָט בעריל זיך אָנגעכאפּט, ניט פערשטעהענדיג.

— פשוט... פסח דאַרף מען געהן צו א בעל-הבית...

— א „פלעט" הייסט עס... האָט שוין בעריל אביסעל אָנגעהויבען צו פערשטעהן.

— און אז א פלעט, איז וואָס? — האָט יענער געלאַכט — ביי פאָניען איז שענער צו עסען, ווי ביי א יידען?..

און בעריל האָט זיך פון נאָך פורים ביז נאָך פסח געראַנגעלט מיט זיך אליין: זאָל ער געהן עסען פסח אויף א פרעמדען טיש צו ניט...

II.

ערב פסח אין דער פריה איז שוין געווען אין פריקאַז, אז מען זאָל די יידישע סאָלדאַטען אָבלאָזען אין שטאָדט — 12 א זייגער.

בעריל האָט זיך אָנגעהויבען מכין זיין. האָט מיט מעהר ענערגיע געגומען ריינינגען די שטיוועל, דעם רימענעם פּאַס און דאָס בלעכעל. דאָס ערשטע מאָל, נאָך פיער חדשים, ריינינגט ער זיך ניט פאַר'ן „דיאדקע", נאָר טאַקי פאַר זיך אליין, לכבוד יום-טוב...

וועגען פּסח — איז שוין בײַ איהם פעסט בעשלאָסען געווען צו געהן צו אַ ייִדען. עס איז גאָר אַ וואונדער געווען, וואָס ער האָט זיך אַזוי לאַנג געוואויגען. ער איז דאָך ניט אויף דער פרײַהייט, וואָס ער זאָל קענען אַליין מאַכען פּסח: רײַכערע פאַר איהם וועלען עסען בײַ בעלי-בתּים.

און צוועלף אַ זייגער זענען שוין אויפ'ן הויף פון די קאַזאַרמעס געשטאַנען אַלע 14 ייִדען פון באַטאַליאָן, וואָס האָט פערנומען דעם הויף, און איינער, וועלכען דער פעלד-פעבעל פון דריטער ראָטע האָט בעשטימט פאַר אַנ'עלטערען, האָט אַ קאָמאַנדעווע געטהון:

— שאַגאָם — מאַרש!

און אין עטליכע מינוט ווײַטער, אַז זיי זענען שוין אַרויס פון הויף, האָט ער זיך געווענדעט אויף ייִדיש:

— ברידער! געהט אין פוס... „רײַסט זיך ניט אָן"!

פון דער דאָזיגער ייִדישער קאָמאַנדע איז בערי' געריהרט געוואָרען, און ער האָט געטראַכט:

— ווי גוט וואָלט דאָס געווען, ווען ייִדען וואָלטען אַליין געהאַט אַ מלוכה..

פאַלען אויף דער המצאָה, אַז ווי גוט וואָלט דאָס געוועזן, אַז עס וואָלט גאָר ניט געזוען, איז ער ניט געפאַלען... ניט אומזיסט האָט ער שוין פיער הדשים אָבגעדיענט..

און די ייִדישע קאָמאַנדע און דער שענער פריהלינג-טאָג און דער געדאַנק, אַז הײַנט בײַ נאַכט וועט ער זיצען בײַ אַ סדר, צווישען ייִדען, ווײַט פון קאַזאַרמע, ווײַט פון די נײַע חברים זײַנע — דאָס אַלץ האָט אויף בערלען אַזוי גוט געווירקט, אַזוי ווייך געמאַכט זײַן האַרץ, אַז איהם האָט זיך געוואָלט יעדער פאַרבײַגעהענדיגען ייִדען אָבשטעלען און אויסשרײַען:

– רבי ייד, מען האָט אונז אָבגעלאָזען צו אייך אויף פסח... ר' ייד...

נאָר די יידען האָבען אַזוי געאײַלט אַז קײנער האָט אין דער קאָמאַנדע אַפילו ניט דערקענט, אַז דאָס איז אַ יידישע.

„אַלע יונגים האָבען איין פנים”.

ווער האָט צײַט ערב-פסח צו בעטראַכטען, צו דערקענען יידישע סאָלדאַטען? עס איז דאָ אַזוי פיעל אַרבײַט...

III.

פאַר נאַכט איז שוין בעריל געשטאַנען אויפ'ן שול-הויף נעבען גרויסען בית-מדרש נעבען אַ קאָמפּאַניע סאָלדאַטען און האָט מיט דרר-אָרץ דורכגעלאָזען יעדער יידען, וואָס איז אינוועניג אַרײַן. אַז די סאָלדאַטען, איבערהויפּט די עלטערע, פלעגען עפּים אויס-רעדען ניט אַזאַ אײַדעלען וואָרט, פלעגט ער גלײַך זיי אָבהאַקען:

– ברידער, עס פּאַסט ניט... בעלי-בתים געהען...

אַז מען האָט אָנגעהויבען דאַוונען, איז ער אַלײן אַרײַן אין בית-מדרש.

ער האָט זיך געשטעלט נעבען בימה און געקוקט דאָ אויף די סאָלדאַטען, דאָ אויף די בעלי-בתים.

סאָלדאַטען זענען, נאָך זײַן חשבון, געווען אַ 50 און בעלי-בתים אַ פינף הונדערט...

– ווי וועט מען זיך עס צוטײַלען? האָט ער געטראַכט... – אַ סך, אַ סך בעלי-בתים וועלען בלײַבען אָהן סאָלדאַטען.

און דער גוטער בעריל האָט שוין רחמנות געקריגען...

נאָכ'ן דאַוונען איז דער שמש צוגעגאַנגען צו איהם...

– איהר האָט וואו צו זײַן צו די סדרים?

בעריל האָט זיך פערשעמט:

– איך האָב ניט... האָט ער געענטפער טאון איז רויט געוואָרען.

— טאָ וואָס האָט איהר געשוויגען? האָט דער שמש זיך גע־בײזערט... שטעהט אַ ווײַלע.

בערלען האָט פערדריקט דאָס האַרץ. ער האָט מיט פער־לאָפענע אויגען פון טרעהרען געקוקט, ווי דער שמש האָט אָבגע־שטעלט אַ ידען אין אַ צילענדער...

דער ייד מיט דעם צילענדער האָט עפּיס געדריקט מיט די פלייצעס, אַ מורמעל געטהון און איז אַרויס.

און דער עולם האָט זיך ביסלעך־ווייז גערוקט און צעגאַנגען.

עס זענען געבליבען געצעהלטע בעלי־בתים און כמעט אַ העלפט סאָלדאַטען...

— דער שמש איז געווען צוטראָגען, איז צוגעגאַנגען דאָ צו אַ איבערגעבליבענעם סאָלדאַט, דאָ צו אַ בעל־הבית...

בעריל איז געשטאַנען און געוואַרט.

באַלד איז צו איהם ווידער צוגעגאַנגען דער שמש.

— וואָס האָט איהר פערשלאָפען... מען דאַרף אַליין צוגעהן צו אַ בעל־הבית און בעטען... איצטער וואָס זאָל איך טהון מיט אייך — אַלע זענען זיך צעגאַנגען.

די איבעריגע סאָלדאַטען האָבען גערוישט:

— פייגע ידען! אַ ידישע שטאָדט!

און בעריל האָט זיי שוין ניט גע'מוסר'ט פאַר זייער ניט־איידעלקייט, אַדרבא, עס האָט איהם הנאָה געטהון...

אַ בלאַסער פאַר כעס איז ער געשטאַנען נעבען בימה און געקוקט און געוואַרט.

דער שמש האָט עפּיס געשמועסט מיט אַ פּאָר ידען, אויפ'ן אויסזעהן כלי־קדש...

באַלד איז ער צוגעגאַנגען צו די סאָלדאַטען און געזאָגט:

— הייער זענען אַ סך סאָלדאַטען... מען האָט זיך ניט אַרום־

נעזעהען. נאָר קיין חמץ עסען וועט מען אייך חלילה ניט לאָזען. אָט דער יונגערמאַן – האָט ער אָנגעוויזען אויף איינעם אַ כּלי־קדוש – וועט אייך אָוועקפיהרען אין דער בּיליגער קיך, דאָרטען וועט מען אייך געבּען מצה און וויין...

און בּאַלד האָט זיך די יידישע קאָמאַנדע געלאָזט געהן צו דער בּיליגער קיך.

און אַריינגעהענדיג אהין, האָט זיך בּערלען געדאַכט, אַז ער איז ווידער אַריינגעפאַלען אין אַ קאַזאַרמע...

דער גימנאַזיסט.

דער ערשטער, וואָס האָט אַוועקגעשיקט זיין יונגעל אין גימנאַזיע, איז געווען אַברהם אליה.

אַברהם אליה איז געווען אַ ייד אַ משכיל. עס איז וועגען איהם אין שטעדטיל אַרומגעגאַנגען, געדענק איך, אַ לעגענדע, אַז בחור־ווייז האָט ער זיך געהאַלטען ביי׳ם שמד׳ן: אַזוי ווייט איז ער, הייסט עס, אַוועק אין חקירה... ווי אַזוי ער איז פון שמד ניצול געוואָרען – האָט די לעגענדע ניט געוואוסט. עס איז אָבער געווען אין דער לעגענדע אַ וואַריאַנט, אַז פון שמד האָט איהם אָבגערעדט חנה ביילע, זיין איצטיגע ווייב, וואָס איז געווען מעדעל־ווייז אַ גרויסע פאַרשוין און אַ חכמה און מיט וועלכער ער לעבט עד־היום זעהר גליקליך.

אַלענפאַלס האָט מען איהם אַ סך זאַכען מוחל געווען, אי די צו־קורצע קאַפאָטע, וואָס ער האָט געטראָגען אין מיטען וואָך, אי דאָס גלוי־ראש צו הויז. אַדרבא, מען איז געווען צופריעדען, וואָס חאָטש שבת געהט ער דאַוונען – אמת, ניט אין שוהל, אָבער אין אַ „מנין״ איז אויך די תפילה אָנגענומען, בפרט, אַז אין מנין,

וואו אברהם אליה האט געראוועט, איז ציגעגאנגען עלט-יודישלעך און מען פלעגט אפילו נישט דורכלאזען די פיוט אין פרשה שקלים און פרשה זכר.. אמאל פלעגט ער אפילו דאווענען שחרית פאר'ן עמוד, און זיין עברי איז געווען וואס צו הערען: ווערטער ווי פערעל. איינס נאר האט די דאוונער פון מנין א ביסעל געשטערט: א למד פלעגט ער ארוים זאגען צו וויך. נאר א משכיל פון מנין האט ערקלערט, אז דאס קומט פון די פיעל דייטשע ביכער, וואס אברהם אליה לייענט... און דער קליינער עולם פון מנין איז מיט דער צייט אויך מיט'ן וויכען למד שלום געווארען.

אין מנין פלעגט אברהם אליה שטענדיג קומען מיט זיין עלטערען יונגעל, וואס פלעגט שטענדיג זיצען נעבען איהם מיט א סדור'ל אין האנד, און פאמעליך דאווענען. וועגען יונגעל האט מען דערצעהלט, אז ער קען אלע גראמאטיקעס אויסווייניג און דוקא אהן לעהרערס. דאס אלץ האט איהם, דער טאטע אויסגעלערנט, און די דאוונער האבען געהאט פאר'ן יונגעל, שלמ'קע, פונקט דעמזעלבען דרך-ארץ, ווי פאר'ן טאטען אליין.

צווישען די דאוונער פון מנין איז אויך געווען מיין טאטע, וואס האט ליעב געהאט צו שמועסען, ווי וויים עס האט זיך געלאזט, מיט אברהם אליה'ן, וועלכער איז קיין איבעריג „בעדעדטער" נישט געווען. דאך האט ער אויף מיין טאטען, אויך א שטיקעל משכיל, געלעגט דרך-ארץ, און זיי פלעגען אמאל צוזאמען ארויסגעהן פון מנין און דער איבעריגער עולם פלעגט נאכגעהען פון הינטען און האלכען, פון וואס ריידען צוויי „קענער"...

איך פלעג דאן האפען א שמועס מיט שלמ'קען.

— דו געהסט גאר ניט אין חדר?

— ניין... — האט ער קורץ געענטפערט.

— לערנסט מיט'ן טאטען?..

— אלץ מיט'ן טאטען...

— און רוסיש לערענסטו זיך אויך ביים טאטען?

— אפילו דייטש אויך.

— דייטש אויך?! — האב איך זיך פער׳חדוש׳ט און בין שטארק געווארען אראבגעפאלען ביי זיך אין די אויגען, וואס איך קען נאך אזוי ווייניג, און האב ניט געוואגט מיט שלמה׳קען ווייטער צו רעדען.

שלמה׳קע אבער איז געווען ביי זיך פראסט, און איינמאל האט ער מיר אנגעזאגט:

— ווייסט, נאך יום־טוב פאהר איך קיין מינסק, אין גימנאזיע...

— אין גימנאזיע!.. האב איך אויסגעשטעלט אויף איהם די אויגען און באלד צו זיך געקומען און געפרעגט:

— און אום שבת וועסטו שרייבען?

שלמה׳קע האט א שמייכעל געטהון און נארנישט געענטפערט.

איך בין אוועק א פערשעמטער און פול מיט קנאה. אויף מיין טאטען האב איך געקוקט מיט פערדרוס און גרינגשעציג. אויך מיר א טאטע! אט אז מען האט פאר א טאטען אזא, ווי אברהם אליה קאן מען קומען צו א תכלית.. און איך וואס?.. אז שלמה׳קע וועט אמאל קומען צופאהרען, וועט ער שוין אפילו ניט וועלען רעדען מיט מיר.

און איך האב גענומען אויף מיר צו לערנען זיך רוסיש. געקויפט גאנצע יעקס בויגען פאפיר, געמאכט דערפון א העפט פון אכט און פערציג זייטען, יעדעס זייטעל האב איך אבגעצוימט מיט א לאנגען שטריך און אויף איין זייט פערשריבען אלע שווערע רוסישע ווערטער. אויף דער צווייטער זייט דעם „טייטש־ווארט“ און פלעג נאכאנאנד חזר׳ן: באך — גאט, ניעבא — דער הימעל, זויאזדי — די שטערען, פטיצא — א פויגעל..

אויף אזא אופן האב איך געהאפט אויסלערנען זיך „פאלקאם“ די רוסישע שפראך, און טאמער קומט שלמה׳קע צו־גאסט, זאל איך

חאָטש ניט זײַן קײן שטומער און קאָנען מיט איהם אויסרעדען אַ פּאָר ווערטער...

איינמאָל אין אַ זומערדיגען שבת קום איך אַרײַן מיט׳ן טאַטען אין מנין, ערשט איך זעה נעבען אברהם אליה׳ן זיצט אײנער מיט אַ בעקאַנט פּנים, אין אַ היטעל מיט אַ קאָקאַרדע, אין אַ בלאָהען מונדיר מיט מעשענע קנעפּ, אויסגעזעצט אין אַ לאַנגער רײה; האַלט אַ סדור׳ל אין האַנד און קוקט דאָ אויפ׳ן באַלקען, דאָ אויפ׳ן עמוד און דער גאַנצער עולם אויף איהם...

אָנפאַנגס בין איך מבולבל געוואָרען, נאָר אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך מיך געהאַפּט, אַז אָט דאָס איז דאָך טאַקע שלמה׳קע אברהם אליה׳ס, וואָס געהט איצט אין מינסקער גימנאַזיע און איז אויף זומער געקומען אַהײם.

שטעה איך אַזוי און קוק אויף איהם און שלינג איהם שיער ניט אײַן מיט מײַנע בליקען, און איך פיהל, אַז דאָס איז זעהר ניט אײדעל צו קוקען אַזוי נאָכאַנאַנד אויף אַ מענשען, ער מעג אַפילו זײַן אַ גימנאַזיסט... בפרט, אַז איך האָב אין דעם יאָהר אויך עפּיס אויפגעטהון: האָב אין מײַן העפט שוין פערשריבען דרײַ הונדערט זיבען און פערציג רוסישע ווערטער און קען אַלע טײַטש־ווערטער, און אין דײַטש איז אַ סברא, אַז איך קען שוין באַלד דעם גאַנצען אַ־בע־צע... מיט אײן וואָרט — שטאַרק נתפּעל ווערען דאַרף איך ניט... און איך בעשליס — אינגאַנצען מבטל זײַן איהם, מיט זײַן היטעל, מיט זײַנע קנעפּ און קוקען בעסער אין פענסטער אַרײַן... אָבער אויספיהרען דאָס איז ניט אַזוי לײַכט. איך וועל קוקען אויף איהם אַזוי, אַז ער זאָל ניט בעמערקען... איז אָבער מעשה־שטן, ווי נאָר איך גיב אַ הויב די אויגען צו איהם, טרעף איך זיך גלײַך מיט זײַנע בליקען.

בעטראַכט איך מיך, אַז אין פּלוג זענען מיר דאָך אַלטע בעקאַנטע. פאַרוואָס זאָל איך טאַקע ניט קוקען אויף איהם סמיעלאָ? צו חזרת הש"ץ, איך זאָל ניט זיין קיין טרוס, קאָן איך אפילו צו־געהן צו איהם און געבען איהם די האַנד און זאָגען: „זדראַוויסטוואויטע" – און זאָל ער ניט מיינען, אַז איך בין שוין גאָר אַ גאַרנישט!..

אַ לייכטע זאַך איז דאָס, נאָר אָט־אָט האַלט שוין דער חזן ביי „שים שלום" און איך בין נאָך אַלץ זיך מכין צו צוגעהן.

מילא, איך וועל דאָס אָבלעגען צו קריאת־התורה. דעמאָלט וועט זיין בעסער. נאָר אָט האַלט מען שוין באַלד ביי מפטיר, און איך האָב נאָך מיין פּלאַן נישט אויסגעפיהרט. איך האַלט אַלץ אין איין חזר'ן „זדראַוויסטוואויטע". און דאָ הער איך, ווי מען רופט אויס: יעמוד החתן ר' שלמה ב"ר אברהם אליה מפטיר...

מפטיר אין אַ גוי'אישען היטעל, אין מעשענע קנעפּ... פער־חדוש איך מיך, און דאָך טהוט עס מיר הנאה: ווי באַלד אַז מפטיר – איז ער דאָך פאָרט נעהנטער צו מיר...

אמת, ביי די ברכות האָט ער זיך אביסעל אויסגעגליטשט. אַ פאָר ווערטער האָט ער דורכגעלאָזט, אָבער בכלל איז דער ניגון געוועזען אויסגעהאַלטען. און ביי מיר בלייבט, גלייך ווי ער ענדיגט מפטיר – צוגעהן צו איהם און געבען איהם שלום־עליכם. עס איז פאָרט לייכטער, איידער אויסצורעדען „זדראַוויסטוואויטע". ווער ווייסט, צי וועל איך עס נאָך שאַרף אַרויסרעדען? איך קאָן נאָך מעשה־שטן אַרויסרעדען מיט אַ „ושע", ווי עס טרעפט ביי מיר אָפט, און דעמאָלט וועט ער האָבען וואָס צו לאַכען.

אַז ער האָט געענדיגט דעם מפטיר, האָב איך שוין געמאַכט אַ טריט פאָראויס. נאָר דאָ האָבען מיר געשטערט עטליכע יידען פון עולם, וועלכע וואָבען זיך אַ לאָז געגעבען איהם אָבגעבען „שלום־עליכם".

— פאַר מיר — האָב איך בעטראַכט — פּאַסט ניט צוזאַמען מיט די פראָסטע יידען...

און איך האָב אָבגעלעגט אויף נאָכ'ן דאַווענען...

און נאָכ'ן דאַווענען האָט מיר גאָט געגעבען מוט. איך בין צוגעגאַנגען צו איהם, אויסגעשטרעקט די האַנד און געבליבען שטעהן אָהן אַ וואָרט.

ער האָט צוריק דערלאַנגט מיר די האַנד און געשמייכעלט.

— איהר זענט אַ גימנאַזיסט... האָב איך אויסגעשאָסען פון גרויס פערלעגענהייט...

— יאָ, אַ גימנאַזיסט... — האָט ער גוטהערציג געשמייכעלט... — און דו? וואָס מאַכסטו?

— איך — איך קען שוין אויך גוט רוסיש, מיר פעהלען נאָר אביסעל ווערטער...

— נו, מיר וועלען זיך זעהען... — האָט ער אויסגעשטרעקט מיר די האַנד און איז אַוועק מיט'ן טאַטען...

מיין טאַטע איז צו מיר גלייך צוגעגאַנגען און מיט אַ צופריעדענער מינע זיך געווענדעט צו מיר:

— וואָס האָסטו גערעדט מיט שלמה'קען?

— עט, האָב איך געענטפערט ווי אַ גרויסער — גערעדט וועגען רוסיש... ער האָט ביי מיר געפרעגט אַ טייטש־וואָרט.

— נו, האָסטו געוואוסט?

— יאָ! — האָב איך שטאָלץ געענטפערט...

דער טאַטע האָט צופריעדען אַ גלעט געטהון דאָס בערדעל, אַ הוסט געטהון און זיך אָנגערופען:

— עס שאַדט נישט, אַז דו זאָלסט מיט איהם זיין אויפגעטראָגען... קאָנסט עפּיס נאַשען פון איהם, אַ שטיקעל גראַמאַטיקע, אַ שטיקעל חשבון, דאָס, יענץ...

און דעם גאַנצען שבת האָט דער טאַטע אויף מיר געקוקט מיט דרך־ארץ...

זֶעקְם טֶעג פְּרַײ.

(ערצעהלונג פון אַ יִידִישׁ חדר-יונגעל).

דאָס אִיז גֶעוועֶן זוּמֶער-לֶעבּ, דאָנֶערשטאָג, און דער נאָהנטעֶר זונטאָג האָט גֶעדאַרפט זַײן ערב שבועות.

דעֶם דאַטום האָבּ אִיךְ בּכּיון אַזוי דײַטלִיךְ אויסגעֶשרִיבּעֶן, כּדי מִיר זאָל זַײן פעֶרשפּאָרט צו בּעֶשרַײבּעֶן אײַך באריכות מַײן דעֶמאָלִיגעֶ שמחה, אַלס אִיךְ בִּין אַרויסגעֶלאָפעֶן פונ'ם חדר. אִיהר זעֶנט אַ מאָל חדר-יונגלעֶך געֶוועֶן, און אײַך אִיז לַײכט צו פעֶר-שטעֶהן, וואָס דאָס בּעֶדַײט אַזוינס. נאָר פִיעֶלַײכט זעֶנעֶן שוֹין געֶ-וואָרעֶן פִיעל פון אײַך פעֶרשלאָגעֶן דִי קעֶפּ מִיט דאגת-פּרנסה, דאָס האַרץ פעֶרשטאָפּט פון בִּיטעֶרעֶר אָרעֶמקַײט, און פון אַלעֶ אײַעֶרעֶ זכרונות אִיז קַײן שפּור נִיט געֶבּליבּעֶן. גלײַך ווִי איהר וואָלט פון געֶבּוי-רעֶן טאָג אָן אַזעֶלכעֶ פעֶרזאָרגטעֶ נפשות געֶוועֶן, — דאַרִיבּעֶר מוז אִיךְ אײַך חאָטש אַ בִּיסעֶל פאָרשטעֶלעֶן מַײן דעֶמאָלִיגעֶ שמחה, אפשר וועֶט זִיךְ אײַעֶר האַרץ אַ רִיהר טהון, אײַעֶרעֶ לִיפּעֶן אַ שמײכעֶל טהון און אִין אײַעֶרעֶ פִינסטעֶרעֶ אויסגעֶלאָשעֶנעֶ אויגעֶן וועֶט זִיךְ ווײַזעֶן אַ לִיכטִיגעֶ טרעֶהר, אַזוי ווִי אַ יאָהרצײַט-לִיכטעֶל נאָכ'ן טײַעֶרעֶן מת, נאָך די טײַעֶרעֶ קִינדהײַט.

יאָ, דאָס אִיז געֶוועֶן זוּמעֶר-לעֶבּ, דאָנעֶרשטאָג, דעֶרנ אָהנטעֶר זונטאָג האָט געֶדאַרפט זַײן ערב שבועות. אויף דִי פִינגעֶר צעֶהלעֶנ-

דיִנ, איז בײַ מיִר אויסגעקומען אַזוי דער חשבון: פֿרײַטאָג איין טאָג
פֿרײַ, שבת – צוויי, זונטאָג ערב־יום־טוב – דרײַ, מאָנטאָג און
און דיִענסטאָג שבועות – פֿיִנף, און אסרו־חג, האָב איך פֿרעהליך גע־
וויצעלט פֿאַר מײַנעם אַחבר, רעכֿענדיג מיִט איהם צוזאַמען, איז
אויך ניִט אַביִ וועך, אַט האָבען מיִר זעקס טעג פֿרײַ.

– זעקס טעג! האָט מײַן חבר יאָסקע נאָך פֿרעהליִכער אויס־
געשריִגען, אַרויסלויפֿענדיג מיִט מיִר צוזאַמען פֿונ׳ם חדר.

– יאָסקע! האָב איך ניִט געקענט אײַנהאַלטען מײַן שמחה

– עס איז גוט!

– גוט, ברודער! פֿרעהליִך...

– יאָסקע! מאָרגען וועלען מיִר געהן „אין מאַי״?

– געוויִס! ענטפֿערט יאָסקע, אונטערשפּרינגענדיג, ווי אַ ווײַסע־
חברה׳ניִק, פֿאַר אַ יאָהרען בין איך געגאַנגען.

– אָ, קריִם איך זיך, פֿאַר אַ יאָהרען אויך מיִר אַ יום־טוב!
שבת און זונטאָג איז געווען שבועות, נאָר צוויי טאָג „צעריִבען״
פּששש!

– אָבער היינט! שרײַט אויס יאָסקע פֿרעהליִך און שטאָלץ,
פּונקט ווי ער וואָלט אַרויסגעגעבען אַליין דעם יום־טוב – הײַנט איז
זעקס טעג!

– אמת, זעקס טעג! ווער איך ענטציִקט.

און זיִנגענדיג און שפּריִנגענדיג זענען מיִר אוועק יעדער צו
זײַן היים.

•

•

אז איך בין אַרײַנגעקומען אין שטוב, האָב איך פֿערגעסען צו
בעטען עסען, ווי מײַן שטײַגער פֿלעגט צו זײַן קומענדיג פֿונ׳ם חדר.
איך האָב נאָר געוואָלט וויסען, צו איז ריִכטיג די „זעקס־טעג״, צו

שטעקט דאָ ניט אַ טעות, חאָטש דער רבי האָט אונז אַליין געזאָגט, און דער רבי ווייסט דאָך פֿונ'ם לוח, וואָס עס ליגט ביי איהם שטענדיג אין בוזעם, ער ווייס אַפֿילו, ווען עס פֿאַלט אוים אַ יריד. נאָר דאָך האָב איך גערעכענט פֿרעגען ביי דער מאַמען נאָך אַמאָל.

נאָר עס איז מיר געווען פֿערשפּאָרט צו פֿרעגען: אַריינגעהענדיג אין שטוב, האָב איך געטראָפֿען דעם טאַטען זיצען פֿערטרויערט, איבערהויפּט די מאַמע האָט שטאַרק געזיפֿצט.

— אַ קלייניגקייט אַזאַ גרויסער יום=טוב! האָט די מאַמע זיך געקלאָגט.

— אַ גרויסער יום=טוב! האָב איך זיך דערפֿרעהט. נאָר דערהערענדיג דעם ווייטערדיגען שמועס, איז מיר די שמחה פֿערשטערט געוואָרען.

— דו האָסט טאַקע גאָר קיין געלד ניט? האָט די מאַמע געפֿרעגט דעם טאַטען.

— איך האָב נאָר פֿיער גילדען, האָט דער טאַטע טרויעריג געענטפֿערט.

— וואָס קלעקט פֿיער גילדען? אויף שבת אַליין איז דאָך וועניג, היינט וואו איז צוויי טעג שבועות, וואו איז „פּוטער=קוכען מיט מילך". עס איז דאָך אַ מנהג.

דער טאַטע האָט ניט געענטפֿערט, ער האָט נאָר געפּויקט איבער די שויבען, ווי ער וואָלט זיי פֿרעגען איין עצה.

— פֿאַר אַ יאָהרען איז געווען אַ נחת — האָט די מאַמע געזאָגט, ניט ערוואַרטענדיג קיין ענטפֿער — יום=טוב מיט שבת צוזאַמען — פֿערשפּאָרט געוועזן אַ רובל.

— היינט איז בעסער, האָב איך זיך ניט געקענט איינהאַלטען, ווי מען איז מבזה צוליעב געלד די פֿריי טעג מיינע.

— נו, טאָ געה קריג געלד אויף יום=טוב! האָט דער טאַטע האַלב אין כעס און האַלב מיט אַ שמייכעל צו מיר געזאָגט.

– וואָס דאַרף מען געלד? האָב איך צוהיצט געענטפערט. „מאי" אָרנײַסען קאָסט קיין געלד ניט. איך וועל מאָרגען אָנרײַסען אַ זאָפּאָק (רעדענדיג האָב איך פאַנאַנדער געשפּרייט ברײַט די הענד) און וועל אויספּוצען די גאַנצע שטוב.

– און מילך מיט קוכען וועסטו וועלען שבועות? – האָט די מאַמע געפרעגט.

– ניין, האָב איך איהר פערזיכערט: – איך דאַרף גאָר נישט, איך דאַרף גאָר נישט, איך וועל בעסער געהן אין וואַלד... דאָרטען איז טאַקי שען...

דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבען זיך איבערגעקוקט, ווי זיי וואָלטען פרעגען: „אפשר איז ער באַלד גערעכט?...

איך ווייס ניט ווי אַזוי עס איז געוואָרען נאָר אויף שבועות איז געוועזען ווי דער מנהג איז, פּוטער-קוכען און מילך, און – הערט אַ וואונדער – מיין טאַטע, וואָס פלעגט קיינמאָל ניט געהן שפּאַציערען, און די מאַמע, וואָס פלעגט אַ גאַנצען יום-טוב אָבליגען איבער'ן „טייטש-חומש", זענען אויך מיט מיר געגאַנגען דעם ערשטען טאָג יום-טוב אין וואַלד... דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז „דאָ איז ניט שלעכט", און די מאַמע האָט גאָר ניט גערעדט, זי האָט נאָר געזופּט די לופט, געשמעקט די ריחות און צום סוף געזאָגט אויך איהר מיינונג, אַז דאָ איז אַ דערקוויקעניש. איך בין געוועזען אויפ'ן זיבענטען הימעל!...

זיי און ער.

(פראגמענט).

אויף די בעל־בתּים, בײַ וועמען הערמאַן האָט געוואָהנט אין אַ קלײַן ווייטיג צימער׳ל, האָט ער געקוקט מיט פעראַכטונג.

— בעל־בתּים! — פלעגט ער שטענדיג אַ ברום טהון, בעגעגענדיג זיך מיט זיי.

טיעף אין הארצען אָבער, אַליין ניט וויסענדיג פון דעם געפיהל, האָט ער זיי געאַכט.

— דאָס זענען מענשען! — פלעגט ער, אַראָבפאַלענדיג בײַ זיך, אמאָל אַ מורמעל טהון.

זיי זענען שוין אַלט איבער פופציג יאָהר, און דאָך זענען נאָך זייערע פּנים׳ער פריש, די אויגען העל און קוקען זיכער אויף אַלץ און אויף אַלעם, אַפילו די נעזער זייערע קוקען אויס אַזוי פעסט אַרייַנגעזעצט, ווי אייַנגעפונדעוועט אין די פּנים׳ער.

„אייַנגעפונדעוועטע!"

דורכגעהענדיג אמאָל די קיך, פלעגט זיין אויג פאַלען אויף די שווערע קופערנע כּלים, פאַנען, טעפּ, שטויסלען און אַנדערע חפצים, מיט וועלכע די וואַנד זענען געווען אויסגעהאַנגען און

אברהם רייזען.

איהם פֿלעגט זיך דאַכטען, אַז זײַנע בעל־בתּים זענען אויך אַזױ שטאַרק, פֿעסט, ווי אָט די קופּערנע כּלים.

היינט דער קאַסטען, דער גרויסער קאַסטען איך קיך מיט די אײַזערנע רייפֿען: ווי שווער ער איז, ווי פֿעסט, ווי אײַנגעפֿונדעוועט! היינט דער טיש אין מיטען שטוב! ווי פֿעסט ער שטעהט — אײַזען!

און אַ געשעפֿט האָבען זיי אויך אַ גרויסען, זיי האַלטען די שטאָדט־מיהל, וועלכע גיט שענע פּרנסה. אויסדינגען קען זי קיינער ניט, זיי האָבען אַ קאָנטראַקט אויף דרייסיג יאָהר! אײַנגעפֿונדעוועט!

היינט די אמונה זייערע — ווי זיכער זיי זענען אין גאָט, אין גיהנם, אין גן־עדן!

און ער ווייס ניט, וואָס מיט איהם וועט מאָרגען זיין! עס קען זיין, אַז מאָרגען וואַרפֿען איהם אָט די אײַנגעפֿונדעוועטע לייט פֿון זיין צימער׳ל אַרויס. ער קען זיך אַפֿילו אויף איין חודש מיט אַ דירה ניט אײַנפֿונדעווען. ער און אַלץ, וואָס ער האָט, הענגט אין דער לופֿט.

אַפֿילו די פּאָר ביכלעך, וואָס ער האָט, וואָס זענען כּלומר׳שט זיין גאַנץ לעבען, זענען ניט אײַנגעבונדען, אײַנציגע בלעטלעך, זיי צופֿאַלען, צושיטען זיך... אַפֿילו זיין פּאַספּאָרט איז אַלט, צעריסען, צוקנייטשט, צופֿאַלט...

אַפֿילו די פּאָר אידעען, וואָס ער האָט אין קאָפּ, זענען ניט אײַנגעפֿונדעוועט. ביי דער מינדסטער בעוועגונג פֿון דער נשמה ווערט פֿון זיי רויך, גאָר נישט, און ער בלייבט אַ פּערצווייפֿעלטער...

ער האָט גאָר נישט אײַנגעפֿונדעוועטעס...

דער פארפרוירענער טייך.

(פאנטאזיע).

ניט איין טאג, ניט צוויי און ניט דריי גאט האט דער פראסט זיך געפרובט אבצושטעלען דעם טייך, אלע טאג פלעגט ער אנ־קומען אויף א בייזערען ווינד און פלעגט בלאזען, נאר עס האט איהם נישט געהאלפען, דער טייך האט זיך געטהון זיינם: געפליעסט און פרעהליך גערוישט.

און דער פראסט האט זיך נישט געקאנט בערוהיגען, ער מוז דעם טייך וויזען, ווער עלטער איז, און וואס א טאג פלעגט זיין צארען ברענענדיגער ווערען, און מיט אלערליי בייזע ווינדען, שטורעמס און שנייען פלעגט ער דעם טייך בעלעגערען

און ביסלעך־ווייז האט זיך דער טייך אנגעהויבען אונטערצו־געבען, ער האט זיך מיט וועהטאג איבערצייגט, אז ער האט דא מיט א שטארקערען, מיט א בייזערען צו טהון.

פערפאלען, עס מוז געשעהן!

אין איין פריה־מארגען האט ער זיך דערפיהלט ווי, פערצויגען מיט א בעלמא (א הייטעל), און נאר ווי דורך א נעבעל זעהט ער דעם הימעל. דעם צווייטען טאג האט ער זיך נאך ערגער געפיהלט, די בעלמא איז דיקער געווארען און דער הימעל איז שוין אין גאנצען

אברהם רייזען.

פֿערשטעלט, דאָס בעוועגען זיך ווערט איהם אַלץ שווערער און שווערער, און שפּיעלען זיך מיט די חוואַליעס איז גאָר שוין אונמעגליך.

און אויפֿ'ן דריטען טאָג איז ער פֿערשטאַרט געבליעבען.

ער האָט זיך געשטעלט!

שווער איז זיך איהם צו צוגעוואָהנען צו אַזאַ שטילקייט, צו אַזאַ טויטקייט, ער רייסט זיך, ער וויל אַרויסשפּרינגען — אומזיסט.

און וואָס אַ טאָג ווייטער, פֿיהלט ער אַלץ נאָהנטער דעם טויט און דער דיקער אייז פּרעסט איהם, ווי מיט טויזענדער שטיינער.

און אַז ער ווערט אין גאַנצען טויט, ווערט אַ שמחה אין שטאָדט:

— דער טייך האָט זיך געשטעלט! קומט זיך גליטשען!

זיין הארץ אָבער לעבט.

ער פֿיהלט, ווי איבער איהם לויפֿען אום טאַנצענדיג טויזענדער פֿיס, ער הערט טויזענדער יונגע שטימען, וואָס צעמישען זיך און גיסען זיך צוזאַמען מיט דעם רוישען פֿון דער מוזיק:

ער הערט זיך גוט איין און דערקענט די שטימען: די זעלביגע שטימען האָט ער מיט אַ האַלב יאָהר צוריק געהערט זינגענדיג, ווען ער האָט גרינג זייערע לאָדקעס געטראָגען.

נאָר דאַמאָלס זענען זיי מילדער, ווייכער געווען; דאַמאָלס האָט ער גלייך מיט זיי געזונגען, גלייך מיט זיי געלעבט, און גלייך מיט זיי אָנגעקוקט דעם לויטערען הימעל אין דער זומער־נאַכט.

און יעצט איז ער אַליין טויט, נאָר זיי לעבען און פֿרעהען זיך אַזוי ווילד און פֿערדאַרבען.

און וואו? — אויף זיין קבר!...

און זיין הארץ פּלאַצט דאָרט איינוועניג..

דער משכון.

(א בילד).

אן מיין חבר דערמאהן איך זיך זעלטען, איך דערמאהן איהם נאר דאן, ווען מיין זעלע ערהויבט זיך פון ערדישען שטאף און זי שוועבט אין א העכערע וועלט, אין א שענערע, אין א וועלט פון לויטער אידעאלען; איך דערמאהן איהם נאר דאן, ווען אלע איבעריגע מענשען, וואס רינגלען מיך ארום, ווערען מיר נמאס, אבשוילעך פאר זייער קליינער איינגעליעבע, פאר זייער הארטהערציגקייט, און דערמאהנענדיג אן איהם, ווערען זיי מיר נאך מעהר אבשייליך...

מיין חבר יאנקעל, וואו איז ער איצטער? צו איז ער פאר זיין גוטסקייט פערלוירען געגאנגען?

יא, ער איז א גוטער געוועזן! זיין גוטסקייט האט דערגרייכט יענע שטופע, ביי וועלכע מען קען שוין ווייטער ניט געהן – די שטופע דערגרייכט דעם הימעל און קומענדיג צו איהר, קאן מען שוין מעהר אויף דער ערד ניט לעבען...

און איך זעה איהם שוין מעהר ניט!...

נאר ווען עס טרעפט מיט מיר אמאל, אז איך הויב אן

אברהם רייזען.

זוכען דעם גוטען מענשען צווישען די טויזענדער, דאן זעה איך איהם, שטעהענדיג פאר מיינע אויגען, און איך צווייפעל, צו וועל איך צווישען אנדערע טויזענד געפינען נאך איינעם, ווי ער...

עס איז ווינטער געוועזען; דער פראסט האט געברענט. שנעל האב איך געשפאנט איבער די גרויסע רוישענדע גאסען. איך האב זיך אויף קיינעם פון די פערביינעהענדע נישט אומגעקוקט, טאמער בעגעגנען איך א בעקאנטען און וועל דארפען ארויסנעהמען די האנד פון טאש, אום זיך צו גריסען. און דאמאלס האב איך מיין חבר בעגעגענט און, ניט ווילענדיג, האב איך זיך אבגעשטעלט; ער האט זעהר קאמיש אויסגעזעהען: אויפ'ן פלייצע האט ער געטראגען א גרויסען פאק. געגאנגען איז ער אהן א היטעל און איהם איז נאכ־געגאנגען א קליין אבגעריסען יונגעלע און האט פון איהם די אויגען נישט אראבגענומען.

— יאנקעל, וואס איז דאס?

— געה געה, שפעטער וועל איך דיר דערצעהלען.

און שפעטער האט ער מיר אט וואס דערצעהלט:

— א נאריש יונגעל, פערשטעהסט... געהט אין גאס, פער־שטעהסט, און טראגט אזא שווערען פאק... איך זעה, עס איז ניט נאך זיינע כוחות, עס פאלט אונטער איהם, א קינד פון 12 יאהר, פערשטעהסט, און דארף שוין הארעווען... איך געה, ווייסט דאך, און לעדיגען, זאג איך איהם; וויז מיר, יונגעלע, דעם פאק, איך וועל דיר העלפען אונטערטראגען, וויל ער ניט... ד. ה. וועלען וויל ער זעהר, נאר ער האט מורא, פערשטעהסט, איך זאל מיט'ן פאק ניט ענטלויפען... פערשטעהסט, מיינע בגדים זענען איהם נישט געפעלען... איך פערזיכער איהם, ער גלויבט ניט. „ווייסט נאר וואס, יונגעלע, פאל איך אויף איין המצאה, איך וועל דיר עפעס געבען פאר א משכון. איך דערמאהן זיך אבער, אז

איך האָב בײַ זיך גאָר נישט... מילא, פערפאַלען, זאָל ער טראָגען אליין, וואָס קאָן איך איהם העלפען. איך זעה אָבער, ער נעהמט עס אויפ'ן פלײַיצע און ער פאַלט... מילא, וואָס האָב איך געוואָלט טהון? איך האָב איהם דאָס היטעל פאַר אַ משכּון גענעבען...

– און איך האָב געמײנט, אַז דו האָסט זיך מיט עמיצען געשלאָגען, און מען האָט בײַ דיר דאָס היטעל אַראָבגעכאַפּט – האָב איך לאַכענדיג געזאָגט.

– נײן, ברודער, האָט ער זיך ווי דערשראָקען, שלאָגען שלאָג איך זיך ניט, למאַי זאָל מען זיך שלאָגען?..

וואו איז ער, מײַן חבר?... ניטאָ איהם שוין!...

דער פאנאגראף.

דער גרויסער אַמעריקאַנער ערפינדער עדיסאָן האָט עס ערפונדען און די וועלט האָט אַ לאַנגע צייט נאָך דעם געוואָרען, און מען איז איבערראַשט געוואָרען פון דעם מענשליכען גייסט, וואָס קען שאַפען אַזוינס, וואָס דער פשוט'ער שכל בענעהמט עס ניט, וואָס פרומע קריסטען צלמ'ען זיך, הערענדיג עס, און פרומע פראָסטע יידען זאָגען, אַז עס איז כשוף, רחמנא-ליצלן — — —

יאָ, דער גרויסער עדיסאָן האָט עס ערפונדען, און דער קלייִנער, אַלטער, אָרימער ייד, וואָס קיינער ווייס אפילו זיין נאָמען ניט, טראָגט עס אום איבער אַלע הויפען און פאַר אַ צענערעל קופּערגעלד ווייזט ער עס אַלעמען, און דער עולם הערט די ניגונים'לעך וואָס דער פאָנאָגראַף זינגט אַרויס, און בעוואונדערט דעם זעלטענעם כח דערפון.

אָט איז דער אַלטער ייד אַריין אין אַ גרויסען וואַרשויער הויף אויף דער נאַלעווקי-גאַס. אַרום איהם האָט זיך אַוועקגעשטעלט דער סטרוזש, אַ רוסישער סאָלדאַט און אַ ייד, וואָס האַלט אַ געוועלבעל אין הויף. דער אַלטער ייד רעכענט אויס די ניגונים, וואָס דער פאָנאָגראַף שפּיעלט און לעגט פאָר צו הערען.

און דער ייד, מיט'ן סטרוזש, מיט'ן רוסישען סאָלדאַט מאַכען שותּפות — צו צוויי קאָפּיקעס — און ווילען צוזאַמען האָבען איין זאַך.

– וועניז פאָ מאַטושקע פאָ וואָלגע! קאָמאַנדעוועט אוים דער רוסישער סאָלדאַט.

– ניין! שרייט דער פּוילישער סטרוזש, איך וויל דעם פּוילישען מאַרש!...

– כָּל נִדְרֵי, כָּל נִדְרֵי! בעט דער ייד...

– סטופּאַי ק׳טשאָרטו! זידעלט זיך דער רוסישער סאָלדאַט, איך וויל „וועניז פאָ מאַטושקע פאָ וואָלגע".

– ניין! דעם פּוילישען מאַרש – צעקאָכט זיך דער סטרוזש.

– כל נדרי, כל נדרי! בעט זיך דער ייד.

– וואָס מאַכט עס אוים – בערוהיגט זיי דער אַלטער ייד – אַלץ איז גוט.

נאָר די דריי צוהערער ווילען פון שלים ניט הערען און יעדערער וויל, אַז דער פאָנאָגראַף זאָל שפּילען נאָר „זיין" מאַרש.

און איך שטעה און קלער:

געוויס איז עדיסאָן אַ חכם, אַ געניע – ער האָט ערפונדען, אויסער דעם פאָנאָגראַף, נאָך פיעל וואונדערליכע ערפינדונגען, – וואו נעהמט מען אָבער דעם חכם, דעם געלערענטען, דעם ערפינדער, וואָס זאָל געפינען אַזאַ ערפינדונג, וואָס זאָל שלום מאַכען צווישען די דריי צוהערער, אַז עס זאָל קיינמאָל צווישען זיי קיין קריעג ניט אַרויסקומען, און יעדער פון זיי זאָל ניט מיינען, אַז נאָר זיין ניגון איז דער בעסטער און דער שענסטער...

איך וואַרט אויף יענעם חכם... ער וועט געבוירען ווערען, ער מוז געבוירען ווערען!...

ביז וואַנען ער וועט אָבער געבוירען ווערען, לאַך איך אוים פון אַלע ערפינדונגען...

אברהם רייזען.

די צינענע לעפעל.

(א חנכה־בילד).

חײַקע האט שױן אָבגעזײַעט דאָס טעפּעל קאַרטאָפּעל, װאָס זי האָט אָבגעקאָכט אױף אָנבײַסען, האָט עס בעהאַלטען אין בעט און צוגעדעקט מיט אַ קישען, אַז די קינדער זאָלען עס דערװײַלע ניט צושלעפּען, און זיך גענומען זוכען די צינענע לעפּעל צורײַבען עס אױף קאַשע, װײַל זי האָט נעכטען אױסגעפּרעגעלט דאָס ביסעל טוקעװע שמאַלץ, װאָס זי האָט „אַראָבגע'גנב'ט" פון דער קישקע, װעט זי דערפון מאַכען אַ גאַנצען מאכל.

— איהר האָט ניט געזעהן די צינענע לעפּעל? פרעגט זי, ניט געפינענדיג איהר אין גראַטקע.

— איך װײס ניט — ענטפערט די עלטערע טאָכטער

— זאָל איך פון דיר ניט װיסען! װערט חײַקע שױן אױפגערעגט און נעמט זיך זוכען אין אַלע פערבאָרגענע מקומות.

— אפשר אױפ'ן קױמען? זאָגט די יונגערע טאָכטער.

מען זוכט אױפ'ן קױמען — אױפ'ן קױמען איז אױך ניטא.

— װי אין דער ערד אַרײַנגעפאַלען! כעס'ט חײַקע — די קאַרטאָפּעל װעט אָבקיהלען און מען װעט ניט קענען צורײַבען — זאָלט איהר צוריבען און צעמאָהלען װערען — רבונו של עולם!...

די אַלע פֿיער קינדער הויבען אָן זוכען די צינענע לעפֿעל, און אַפּילו יענקעלע, אַ יונגעל פֿון 12 יאָהר, וואָס געהט שוין ניט דעם גאַנצען ווינטער אין חדר און שטיפֿט אַ גאַנצען טאָג אָב אין בית־מדרש און אויפֿ'ן שול־הויף, — אַפּילו ער זוכט אויך.

נאָר אין זײַנע שוואַרצע אויגלעך שווימט עפּעס אום אַ שרעק, ער זוכט, און דאָס הערצעל וואַרפֿט זיך איהם אום, און מיט שרעק רעדט ער אַרויס:

— ניטאָ!

— אַי, זאָל דיך ניט זײַן! שעלט חײַקע און נעמט זיך רײַבען מיט דער שבת'דיגער לעפֿעל.

ווי יענקעל עסט אָב, רוקט ער זיך אַרויס פֿון שטיבעל און הענגדום־פֿענדום אויפֿ'ן שוהל־הויף.

אויפֿ'ן שוהל־הויף שטעהען אַ גאַנצע קאָמפּאַניע יונגלעך אין זומערדיגע צעריסענע קאַפּאָטקעלעך מיט צעריסענע היטעלעך און זענען שטאַרק פֿערטראָגען אין געשעפֿט.

יענקעלע זוכט אוים אײַנעם, אהרציקען, אַ בחור'ל פֿון אַ יאָהר 13, אין אַ צעריסענער קורצער קורטקע, פֿערגאַרטעלט מיט אַ שטריקעל, רופֿט איהם אַרויס און שרײַט צו איהם אוים:

— איך האָב!

— ווײַז אהער! שרײַט נײַגעריג אהרציק.

יענקעלע נעמט אַרויס פֿון חאָלאַווע אַ צינענע לעפֿעל און ווײַזט איהם.

— גוט?

אהרציק ענטפֿערט נאָך ניט אַזוי גיך, ער בעטראַכט זי מיט גרויסע מבינות, פֿערקנײַטשט דעם שטערען און זאָגט ענדליך אַרויס, ווי אַ געניטער:

— גוט!

אברהם רייזען.

— ווי פיל דרעדלעך קען פון איהר ארוים? — פרעגט יענקעל, ווי א סוחר.

— ארום 20־30, און אפשר טאקי די גאנצע 140! זאגט אהרציק.

— קען זיין א קאפיקעס פערציג? פרעגט יענקעלע און די אויגעלעך גלאנצען איהם.

— אודאי!

— געדענק־זשע, אויף שותפות! זאגט יענקעל ערענסט און קוקט מיט חשד אויף אהרציקען.

— אויף זיכער! איך האב דיר א סך מאל גענארט?

און די צוויי יונגלעך לאזען זיך געהן אין די „געהיימע פאבריק" גיעסען די דרעדלעך...

גְעפוּנֶען.

בילדער פון ישיבה'שען לעבען.

אין דער ישיבה איז א טומעל. ארום דעם „מעזעריטשער" שטעהען אין א רעדעל פיעל ישיבה=בחורים. ער שטעהט בלאס און פערצווייפעלט, די הענד אראבגעלאזען, ער בעט זיך תחנונים, זיין קול איז אנגעזאפט מיט טרערען:

— העלפט, ברידער, זוכען, איך האב דאס גאנצע געלד מיינס פערלארען!

— וואו האסטו פערלארען? פרעגט יעדער בעזונדער מיט א גמרא=ניגון.

— איך ווייס נישט — ענטפערט ער צוטראגען, ערשט האב איך ארויסגענומען דאס פושקעלע טאבאק, איז נאך געווען דאס טייסטעריל אין קעשענע, און נאר וואס איך גיב זיך א חאפ — אזוי ווי דאס הארץ האט מיר געזאגט — און נישטא! העלפט, ברידער זוכען, האט רחמנות! ...

אלע ישיבה=בחורים בויגען זיך איין און מען זוכט אייפריג אונטער די בענק און שטענדערס, און דערביי איז יעדערער חושד דעם אנדערען, אז יענער האט שוין אודאי לאנג אויפגעהויבען.

און דער בעל=אבידה אליין, דער מעזעריטשער זוכט נישט, זיין אונגליק איז צו גרויס, אז ער זאל האבען כח אויף אזא'ן ארבייט. וואס א מינוט ווערט זיין דאר פנים בלאסער, די אויגען איינגעפאלענער, די האפנונג צו געפינען זיין פערמעגען ווערט אלץ שוואכער... און אז ער האט דערהערט דעם לעצטען דעקרעט פון

די ישיבה־בחורים „נישטאָ!" האָט איהם ווי אַ קאַנאָן פערהילכט. ווער ווייס — בלוטיגט אין איהם דאָס האַרץ — דער סטופצער האָט אַודאי לאַנג שוין אויפגעהויבען. ער וועט דען אָבגעבען, ער האַלט דען פון „השבת־אבדה", דאָס איז דאָך אַ גוי!...

דאָ קלויבט ער שוין צוזאַמען זיינע לעצטע כחות, ציהט זיך אויס אויף דער ערד און זוכט אונטער אַלע בענק, פלוצים צעוויינט ער זיך:

— ציינדט, ברידער, ווער אָן פון אייך אַ שוועבעלע. אונטער'ן באַנק איז פינסטער.

קיינער האַפט זיך נישט אַרויס — אין ישיבה איז אַ שוועבעלע א צו טייערע זאַך.

— צו וואָס אַ שוועבעלע? — ראַטעט מען פון אַלע זייטען — עס איז דאָך פאַרהאַן אַ יאָהר־צייט־ליכט.

מען דערלאַנגט איהם דאָס יאָהר־צייט־ליכט און ער זוכט אין אַלע ווינקעלעך.

ענדליך רייסט זיך אַרויס ביי איהם אַ פריילינער געשריי:

— פערהאַנען!...

צווישען די ישיבה־בחורים ווערט אַ שרעקליכע בעוועגונג, אַלע שטופען זיך צום „בעל־שמחה" און איבער'ן בית־מדרש קלינגט די גוטע בשורה „געפונען!...

— צעהל איבער, צי פעהלט נישט! — שרייט אויס איינער.

— נערעכט! ענטפערט דער בעל־שמחה אַליין און הויבט אָן מיט ציטעריגע הענד אויסציילען דאָס ביטעלע:

— איינס, דריי, פינף, זעקס, זיבען...

ריכטיג! זיבען קאָפּיקעס, עס פעהלט נישט, דאָס גאַנצע געלד איז דאָ!...

דער עמיגראנט.

אין דער היים אין רוסלאנד האב איך געהאט א שטעל, האב גענומען פיערציג רובל א חדש געהאלט און מיין נאמען איז געווען גרשון ליפשיץ.

דא האב איך פערלארען די שטעל און דעם נאמען מיינעם.

איהר וועט לאכען פון מיר ווען איך וועל אייך זאגען, אז מיר טהוט ניט אזוי באנג די שטעל, ווי דער נאמען. עפעס קומט אויס מאדנע די זאך איך דרעה זיך שוין דא אום פיער חדשים און האב קיין מאל ניט געהערט מיין נאמען. און מעהר מאדנע איז דאס דערפאר, וואס בשעת איך שטעל זיך פאר, זאג איך, דאכט זיך דייטליך מיין נאמען: גרשון ליפשיץ.

און אפשר רעד איך דא צו שטיל, פארט א פרעמד לאנד, ניטא דער מוט, וואס אין דער היים, און קיינער הערט ניט...

האב איך דא ניט קיין נאמען.

דער רוסישער עמיגראנט — היים איך.

פאר וואס עפעס דער רוסישער און ניט דער יידישער, חיים איך ניט. ווער האט געדולד אריינלאזען זיך אין אזעלכע חקירות! אבער פאר וואס היים איך ניט גרשון ליפשיץ — וועגען דעם

אברהם רייזען.

טראַכט איך יאָ — עס נעהט מיר אין לעבען. מילא, רוס, ייד, דאָס איז אַ קלייניגקייט, ווער איך אַ קאָסמאָפּאָליט און אוים מיט דער פראַגע. חאָטש ענטלאָפען בין איך אייגענטליך פון אַ פּאָגראָם... אָבער ווען מען איגנאָרירט מיין אייגענעם נאָמען, מיין אייגענעם איך, דעם גייסט און די נשמה...

אוי, דאָס בייסען, דאָס בייסען! זינד ל'בין דאָ אין דער פרעמד, בייסט שרעקליך. אומעטום בייסט!.. בייסט אָבער דער גוף ניט מען זיך אַ קראַץ, און בשעת מעשה פיהלט מען נאָך אַ שטיקעל פערגעניגען, דער איינציגער פערגעניגען, וואָס אַ רוסישער עמיגראַנט קען זיך אין דער פרעמד פערגינען. אָבער אַז עס הויבט אָן בייסען די נשמה, איז גאָר קיין מיטעל ניטאָ: ניט קיין שוויץ=באָד און ניט קיין זייסע וועש ווערט העלפען... — — —

שוין פיער חדשים, אַז איך בין דאָ. איך זאָג, אַז איך בין דאָ. עס איז אָבער ניט ריכטיג אויסגעדריקט. „עס איז דאָ" קען מען זאָגען אויף אַ זאַך, וואָס האָט אַ ווערט, וואָס מען בעמערקט מיט וואָס מען רעכענט זיך; איך אָבער בין גאָר ניט דאָ. וואָס פאַר אַ ווערט האָב איך? ווער בעמערקט מיך?

שוין פיער חדשים, אַז איך וואַלגער זיך דאָ... אָ, יעצט האָב איך דעם ריכטיגען אויסדריק געפונען. איך וואַלגער זיך, ווי אַ זאַך, וואָס קיינער דאַרף ניט, וואָס מען בעמערקט עס ערשט דאַמאָלסט, ווען עס שטערט אין וועג...

איך זאָל זאָגען, אַז איך שטער וועמען, קען איך ניט. קיין שטעל זוך איך דאָ ניט, איך בין דאָך אַ רוסישער עמיגראַנט, ווער וועט מיך נעמען?.. קיין קאָנקורענץ אַלזאָ קען איך דאָ ניט פערשאַפען. שלאָפען שלאָף איך אין אַ צימער מיט נאָך צוואַנציג עמיגראַנטען, און אַפילו די צוואַנציג שטער איך אויך ניט, עס איז אַלץ איינס: מיט מיר ווי אָהן מיר, די זעלבע ענגשאַפט, דער זעלבער שמוץ; אפשר שטער איך אַמאָל די גבאים פון קאָמיטעט פון דער

חברה „צו העלפֿען די רוסישע עמיגראַנטען“, וואו איך קום אַמאָל און שטעל זיך בײַ'ם טיר און בעטעל, מעהר מיט די אויגען, ווי מיט'ן מויל, הילף, מען זאָל מיך אַוועקשיקען ערגעץ אַנדערש... עס קען זײַן, אַז זיי שטער איך טאַקי. איך זעה, ווי זייערע גלאַטע פֿולע פּנים'ער קנײַטשען זיך און קרימען זיך טאַקי. קיין סך אָבער שטער איך זיי ניט, דען אָנקוקענדיג זייערע פּנים'ער און דערהערענדיג זייער טרוקענעם, קאַלטען: „ניין“, געה איך גלײַך אַרויס...

געקומען אַהער בין איך אין גאַנצע שיך, נאָר זיי זענען שוין צוריסען געוואָרען, דערהויפּט זענען די אָבצאַסען מאָרנע אויס-בעקרימט געוואָרען, אַזוי מאָרנע-משונה, אַז ווען איך טהו זיי אויס און בעטראַכט זיי, מוז איך לאַכען... ווען ניט זיי, די אָבצאַסען הייסט עס, קאָן זײַן, וואָלט איך שוין פֿערגעסען לאַכען.

מײַן קאָסטיום הויבט שוין אויך אָן מורד צו זײַן. די עלענ-בויגענס האָבען שוין צוויי גרויסע לעכער און ווען עס פֿאַלט מיר אויס אָנטהון מײַן העמד מיט די צוריסענע אַרבעל, זעהען זיך אַרויס די הוילע הענד. נו, וואָס איז? זאָל איך זיך שעמען? דאָ היים איך דאָך ניט גרשון ליפּשיץ, און דער רוסישער עמיגראַנט שעמט זיך ניט...

די הויזען זענען שוין אויך אַלט, באַלד פּיהל איך, ווי מײַן גאַנצער אַנצוג, די שיך — אַלץ וועט זיך צורײַסען, טראַנטעס ווערען. ווי וועל איך דאַמאָלס הייסען? דער רוסישער עמיגראַנט שוין זיכער ניט, דער רוסישער באָסיאַק אפשר! זאָל זײַן באָסיאַק. קיין נאָמען אַרט מיך שוין ניט, ווי באַלד איך האָב פֿערלאָרען מײַן נאָמען גרשון ליפּשיץ...

פּראַים, אין וואַלד געהט!

עס איז אַ קאַרגע וואָך פאַר פּסח. דאָס שטעדטעל געהט באַדראָאַם. ווייבער שטעהען אויף די הויפען און הויפלעך מיט פערקאַשערטע אַרבעל און מען וואַשט כלים, מען שייערט טעפּ און מען כשר׳ט טעלער און לעפעל. אין די הייזער, וויעדער, אַרביי־טען די טעכטער, מען וואַשט די פענסטער, די טירען; קאַלכער קאַלכען די ווענד און די באַלקענס, און פון אומעטום גיסט זיך און שפּריצט זיך. עס הערט זיך קולות און געוואַלדען, און עס דאַכט זיך, אַז עס וועט גאָר קיינמאָל קיין סוף ניט נעהמען, עס גלויבט זיך גאָר ניט, אַז מען וועט ווען עס איז זיצען צום סדר, און טרינקען די כוסות, און עסען די קניידלעך, און זאָגען די הגדה.

און חיים גרונעס, אַ יונגער מאַן און פון אַ יאָהר דרייסיג, דרעהט זיך אום אין שטיבעל ווי צו חלום. די גויע, וואָס מען האָט געדונגען אויף אויסצעוואַשען די שטוב, איז זעהר אַ בייזע, זי לאָזט ניט אַ טריט געבען, און זי בעגעהט זיך מיט איהם שטרענג, פערגעסענדיג גאָר, אַז ער איז דער בעל־הבית... וויל ער העלפען עפּעס אויפ׳ן הויף דעם ווייבעל, טרייבט זי איהם און זאָגט, אַז ער וועט גאָר קאַליע מאַכען. און ער ווייס ניט, וואו טהוט מען זיך אַהין.

— איך וועל נאָר אַרייַנגעהן אויף אַ ווײַלע צום פֿעטער, דערמאָנט ער זיך און לאָזט זיך גערן.

ער קומט צו צום טיר און וויל זי עפֿענען. נאָר די מוהמע איז איהם מקבל פּנים מיט שמוציגע פֿערקאַשערטע אַרבעל, מיט אַ בעזים אין האַנד, און שרייט צו איהם:

— וועסט, חיים׳ל, אי״ה, קומען פּסח — איצט איז — זעהסט ניט, הו־האַ — עס איז זיך ניטאָ, וואו צו זעצען, אַלץ אויפ׳ן הויף.

און חיים לאָזט זיך געהן, ניט וויסענדיג אַליין וואוהין.

— מען דאַרף נאָר אַרייַנגעהן אין בית־המדרש, דערמאָנט זיך חיים און געהט אַוועק.

נאָר אין בית־מדרש איז דאָס זעלבע. צוויי גוי׳עס מיט צוויי יידישע ווייבער וואַשען די דילען, די פֿענסטער, מען פּוצט די הייַנגלייַכטער און אויסער פֿאַר יונה דעם פּרוש איז ניטאָ קיין שטיקעל אָרט וואו צו־צוזעצען זיך, די בענק זענען אַלע אויפ׳ן שול־הויף — דאָרטען וואַשען זיי בעזונדערע אַרבייַטערינס...

— טפֿו, שפּייַט חיים אויס און לאָזט זיך געהן ווייַטער:

אין הייַזער וויל ער שוין ניט געהן, ער ווייס שוין, אַז אומעטום וועט ער האָבען די זעלבע מפּלה... ער איז אָבער שרעקליך מיעד און וואָלט וועלען זיך זעצען ערגעץ אָברוהען. ער לאָזט זיך געהן אַראָב־גאַס, צו די גוי׳אישע הייַזלעך. דאָרטען וואָהנט זייַנער אַ בעקאַנטער בעל־הגוף, ער וועט אַרייַנגעהן צו איהם רעדען מכּח געשעפֿט און וועט זיך דערווייַל אָברוהען.

ער קומט צו געהן צום שטיבעל און ווערט ערשטוינט: די זעלבע סצענע ווי אין די יידישע הייַזער — מען וואַשט זיך אויך דאָ.

— „אַי אָו נאָם זאַראַז פּייַסאַח, — ערקלערט איהם די גויע בייַ דער טהיר, און ער לאָזט זיך געהן ווייַטער אין עק שטעדטעל, צום פֿעלד...

קומענדיג צום פעלד, זעהט ער ניט ווייט דעם אלטען גרינעם וואלד, וואו ער איז זינט נאך דער חתונה ניט געוועזען און וואו ער האט אמאל, יונגעלווייז, יאגדעס מיט חברים געקליבען, ליעבע עראינערונגען פילען אן זיין הארץ, און ער לאזט זיך געהן צום וואלד.

און דער וואלד איז שוין אין גאנצען פארטיג. ריין איז ער, פריש און גרין, דער יום=טוב איז שוין דא, די פויגעלעך זינגען שוין, די גרעזעלעך בליהען שוין, און חאטש נעהם און זעץ זיך פראווען דא דעם סדר...

און חיים ציהט זיך אויס אויף דעם גרינעם גראז, בעקוקט דעם שענעם גרינעם וואלד און איהם פאלט איין א פראגע:

— ווער האט עס צוגעריימט דא אזוי?... עס זינגען די פויגעלעך, די בוימער רוישען שטיל און פארזיכטיג, און חיים חאפט א דרעמעל.

אז ער שטעהט אויף, דערמאנט ער זיך אן דעם טומעל אין שטעדטעל, און ער פיהלט זיך ניט גוט.

ער ווערט אין כעס אויף די נארישע מענשען, אויף די נארישע ווייבער, וואס רוימען און רייניגען זייערע הייזער, איהם ווילט זיך געהן אין שטעדטעל און זאגען אלעמען:

— פראים! אין וואלד געהט! דארטען איז ריין און פריש אהן אייער ארבייט, דארט איז שוין גרייט אלעס צום סדר... געהט פראוועט איהם!...

אז ער איז אבער געקומען אין שטעדטעל, האט ער פערגעסען עס צו זאגען: דאס ווייבעל זיינס האט איהם בעגעגענט מיט א גרויסען קאסטען מיסט, וואס זי האט ערשט פון „קאטוך" ארויסגעשארט, און האט געזאגט קרעכצענדיג, אז עס איז נאך אפילו קיין אנהויב ניט.

און דער עולם האט געפאטשט.

זי איז געוועזן א יונגע, א פרעהליכע, און א זינגערין. און דאס לעבען ארום איז אויך געוועזן א יונגס, א פרעהליכס און א זינגענדיגס, נאר דער מזל איהרער איז געוועזן א שווערער, א פינסטערער און א שטום-נאגענדער, און דער מאן, וואס די עלטערען האבען איהר געגעבען, איז געוועזן אין איהר מזל געראטען, און זי האט איהם, ווי איהר מזל פיינט געהאט.

אבער א קינד האט זי דאך געהאט.

און דאס קינד איז געוועזן א שענס, א פרעהליכעס, ווי אלץ ארום, און זי האט עס זעהר-זעהר ליעב געהאט.

ליעב געהאט דאס קינד, ליעב געהאט דאס לעבען, נאר פיינט געהאט דעם מזל איהרען מיט דעם מאן, און זי האט זיך געריסען פון זיי ביידע מיט אלע כחות, סיי וואכענדיג, סיי שלאפענדיג...

נאר דער מזל און דער מאן האבען זי שטייף געהאלטען און ניט ארויסגעלאזען פון זייערע סקלעטענע, אבער שטארקע ארעמס.

און זי האט זיך געריסען, געריסען, א פרעהליכע, א יונגע, א זינגענדיגע...

איינמאל איז זי איז אין טעאטער געוועזן. אויף דער סצענע

איז אַ באַלעט פאָרגעקומען. די מוזיק האָט פער'שיכור'ט געשפּיעלט, די ווײַסע האַלב-נאַקעטע פים האָבען זיך געהויבען אויף דער סצענע, געהויבען זיך און געטופּעט צום טאַקט, און יונגע מעדלעך, לײַכטע ווי פוך, האָבען אין דער לופטען געשוועבט...

און עס האָט זי געצויגען, געצויגען אַהין, אַהין... זי האָט זיך מיט אַלע כחות אַן פאָרענץ פון דער גאַלערײַ אָנגעהאַלטען, זי זאָל ניט אַ שפּרונג טהון אויף דער סצענע.

און פון דאַמאָלס אָן האָט זי געצויגען צו זײַ, צו די שוועבענדיגע מעדלעך, צו דער פרײַער סצענע, צום פרײַען זינגענדיגען לעבען...

און זי האָט זיך ענדליך ארויסגעריסען און איז אוועק אין אַ פרעמדע שטאָדט, מיטנעהמענדיג דאָס קינד.

זי איז אין כאָר אָנגעקומען.

דאָס קינד האָט זי בײַ'ם ערשטען אָוענד, ווען זי האָט אַרויסטרעטען געדאַרפט אין טעאַטער, מיטגענומען, און האָט עס איבערגעגעבען דער דינסט פון האָטעל, וועלכער זי האָט אַ בילעט געגעבען, און געבעטען זי, אַז זי זאָל עס היטען.

דער פאָהאַנג האָט זיך אויפגעהויבען.

די דינסט האָט געהאַלטען נעבען זיך דאָס פיער-יעהריגע קינד און האָט געקוקט אויף די סצענע.

— וואו איז די מאַמע? — האָט זי בײַ'ם קינד לאַכענדיג געפרעגט.

— ווייס ניט... האָט דאָס קינד טרויעריג געענטפערט.

און באַלד האָט דער כאָר אָנגעהויבען צו זינגען, די מוטער איז אַלס סאָליסטין אַרויס פאָראויס...

דאָס קינד האָט אָנגעשטרענגט זײַנע אויגעלעך אויף די פרוי מיט דעם קורצען קליידעל, אָפענער ברוסט און נאַקעטע פים...

עפּיס אַזוינע בעקאַנטע גליעדער...

ווען דאָס פּנים וואָלט ניט געווען אַזוי רויט און די האָר ניט אַזוי לאַנג, איז דאָך דאָס זיין מאַמע...

און דאָס קינד האָט אַלץ אָנגעשטרענגטער און אָנגעשטרענגטער גענומען בעקוקען די דאָזיגע פרוי.

און די פרוי האָט געזונגען און געזונגען.

און דער אָרקעסטער האָט געשפּיעלט אין געשפּיעלט.

און דאָס פּובליקום איז געווען בעגייסטערט...

ענדליך האָט זיך דערהערט עפּיס אַ ווילד געשריי פון שרעק און התפעלות:

— אוי, מאַמע, מאַמע:

און אַ קליין פיער-יעהריג קינד האָט זיך געלאָזט לויפען, לויפען צו דער סצענע, שפּרינגענדיג איבער שטוהלען, איבער מוזיקאַנטען...

— מאַמע, מאַמע...

אָט איז עס שוין נעבען דער סצענע, און פאַר גרויס אויפרעגונג וויינט עס זיך פונאַנדער און שרייט:

— מאַמע! מאַמע!..

דער פאָרהאַנג האָט זיך שנעל אַראָבגעלאָזט...

און דער עולם האָט געפּאַטשט און געפּאַטשט...

בײַ'ם סטרוזש.

אין שטאָדט האָט מען גערעדט וועגען אַ פּאָגראָם. — דער הער קאַצאָווסקי, אַנ'אײַנגעזעסענער פון אַ הויז, האָט נאָך עטליכע געלט טראַכטען, וואו בעהאַלט מען זיך אין פאַל, אַז עס וועט טאַקי אויסברעכען אַ פּאָגראָם, ענדליך געליקליך אַ שמײַכעל געטהון:

— בײַ'ם סטרוזש!

און זײַענדיג שטאַרק איבערראַשט פון דעם דאָזיגען אײַנפאַל, האָט, ער פערגעסען אָן זײַנע אַסימילאַציאָנס-אידעען און האָט אויף יידיש פאַר זיך אויסגערופען:

— גרויסאַרטיג, ווי איך בין אַ ייד!

ער האָט זיך אָבער דערשראָקען פאַר דער דאָזיגער פראַזע און האָט זיך אומקוקענדיג אויף אַלע פיער זײַטען, נאָך העכער אויסגעשריען:

Отлично — ей Богу!

זײַן סטרוזש האָט געוואָהנט אין אַ אַלײַן שטיבעל, וואָס איז געוועזען עקסטראַ פאַר איהם אויסגעבויט. אין דעם דאָזיגען שטיבעלע איז דער הער קאַצאָווסקי קײַנמאָל ניט געוועזען. אַז ער דאַרף וועגען עפּיס האָבען דעם סטרוזש, קלאַפּט ער איהם אָן אין פענסטער און יענער געהט גלײַך אַרויס.

נאָך דער דאָזיגער גליקליכער אידעע האָט הער קאַצאָווסקי באַשלאָסען אַרײַנצוגעהן אין שטיבעלע און באַטראַכטען עס.

ער האָט אַפילו אָנפאַנגס געזוכט אַנ'אויסרייד, גלאַט אַרײַנגעהן צום סטרוזש פערברענגען פאַסט ניט פאַר אַ בעל-הבית. נאָר ניט געפינענדיג קיין שום אורזאַכע, האָט ער זיך בערוהיגט, אַז פערקערט, ווי באַלד ער דאַרף האָבען יענעמ'ס לאַסקע, איז טאַקי בעסער אַרײַנגעהן אַזוי צו איהם, זאָל ער זעהן, וואָס פאַר אַ גוטען בעל-הבית ער האָט, און זאָל ער איהם אין אַנ' עת-צרה פערטיידיגען פון גוי'שע הענד.

אַז קאַצאָווסקי איז אַרײַן צום סטרוזש, איז דער לעצטער, אַ נידריגער דאַרער ערל מיט אַ פערלאָזענער באָרד, געזעסען בײַ אַ הילצערנעם טיש און געזופט עפּיס פון אַ קריגעל מיט אַ הילצערנעם לעפעל. דערזעהענדיג פאַר זיך דעם בעל-הבית, איז דער סטרוזש ווי מבולבל געוואָרען, האָט זיך גיך אויפגעשטעלט, געהאַפּט ווישען די וואָנסעס, און אין גרוים פערלעגענהייט אויסגערופען:

— דזיען דאָברי, פאַנאָטשעק...

נאָר דער ה. קאַצאָווסקי האָט ניט געהערט. איהם איז ניט געפעלען געוואָרען, וואָס דער סטרוזש עסט אין אַ היטעל, פונקט ווי אַ ייד... וואָס פאַר אַ בעשיצער קען ער זײַן?..

— וואָס עסטו עפּיס אין היטעל? האָט ער איהם געפרעגט.

— אַ, פשעפּראַשאַם, פאַניע! האָט דער סטרוזש דערשראָקענער-הייט אַראָבגעחאַפּט דאָס היטעל און געהאַלטען אין האַנד...

נאָכדעם האָט ה. קאַצאָווסקי בעמערקט, אַז דער סטרוזש זײַנער טראָגט אַ באָרד און דאָס פער'יידישט אַ ביסעל זײַן פּנים.

— פאַר וואָס גאָלסטו זיך ניט? האָט ער איהם געפרעגט.

— דער ראַזיר-מעסער איז טעמפּ געוואָרען, האָט דער סטרוזש ווי פערשולדיגט געענטפערט.

דער ה. קאַצאָווסקי האָט איהם געוואָלט פאָרלייגען עטליכע

קאַפּיקעס אויף גערן אָבגאָלען זיך. נאָר ער האָט ניט געוואוסט, אויף וואָס פאַר אַנ׳אופן. ענדליך איז איהם געלונגען צו זאָגען:

— נאַ, איך שענק דיר אַ גריווגע און, גער גאָל זיך אָב.

דער סטרוזש האָט זיך אַ וואָרף געטהון צו קאַצאָווסקי און געחאַפּט די האַנד און געוואָלט מיט בעגייסטערונג אַ קוש טהון, נאָר קאַצאָווסקי האָט זיך ניט געלאָזען. ער האָט איהם דערלאַנגט אַ זילבערנע גריוונע.

— אָבער היינט זאָלסטו זיך טאַקי אָבגאָלען.

— די מינוט! האָט דער סטרוזש אויסגעשריען.

קאַצאָווסקי האָט גענומען בעטראַכטען די שטיבעל, ער האָט געזוכט די איקאָנע, און סתם הייליגע בילדער. נאָר אויסער איין אַלט פערמעקט בילד, וואָס איז געהאַנגען אויף דער פּערדרויכער־טער וואַנד, האָט ער ניט געזעהן.

„נאָר ווי אַ יידיש־שטיבעל!" האָט קאַצאָווסקי געטראַכט און האָט געצווייפעלט אין דעם שוין, וואָס ער קען דאָ בעקומען.

— דו ביזט גאָר ניט קיין פרומער... האָט ער גע׳מוסר׳ט מיט אַ שמייכעלע: — ביי דיר איז ניטאָ קיין איקאָנעס...

— אָט הענגט דאָך! האָט דער סטרוזש אָנגעוויזען אויף דעם אַלטען בילד.

— ס׳איז גאָר ניט קענטיג... אַלט, אָבגעריבען...

— מען האָט געדאַרפט קויפען אַ פּאָר בילדער, האָט דער סטרוזש געזיפצט — נאָר ס׳איז ניטאָ פון וואַנען...

— נו, איך וועל דיר געבען אַ רובעל און קויף איין אַלע הייליגע בילדער...

דער סטרוזש האָט זיך ווידער אַ וואָרף געטהון צו קאַצאָווסקי׳ן, און דאָ האָט שוין ניט געלונגען קאַצאָווסקי׳ן די האַנד אַרויסצו־רייסען. דער סטרוזש האָט זי שטייף געהאַלטען און בעדעקט מיט פלאַמענדע קושען.

— גאָר זאָלסט דאָס געלד ניט פֿער׳שכור׳ען! האָט קאַצאָווסקי געוואָרענט...

— חלילה! האָט דער סטרוזש זיך בעליידיגט. אָט באַלד גײה איך און גאָל זיך אָפּ און קויף די הײליגע בילדער.

אז קאַצאָווסקי איז אויף מאָרגען אַרײַן צום סטרוזש, איז קענען איהם אַרויס דער לעצטער אַנ׳אָבגעראַזירטער, און האָט געהאַט אַנ׳ אמת גוי׳שען פּנים, פֿון וועלכען קאַצאָווסקי האָט געשעפּט פֿיעל נחת... נאָך מעהר איז ער צופֿריעדען געווען פֿון די הײליגע בילדער, מיט וועלכע עס איז געווען אויסגעהאָנגען א האלבע וואַנד.

— דאָס האָסטו אַלץ פֿאַר אײן רובעל אָנגעקויפט? האָט ער געפֿרעגט.

עס איז נאָך געבליעבען א גריוונע אויף א ביסעל בראָנפֿען... האָט דער סטרוזש ווי פֿערשולדיגט געשמײכעלט. און אין א סעקונדע אַרום האָט ער צוגעגעבען:

— די דאָזיגע זאַכען זענען איצטער זעהר וואָלוועל...

קאַצאָווסקי האָט אָבער ניט געהערט. ער האָט נאָר געקוקט אויף דער וואַנד מיט די הײליגע בילדער און געטראַכט:

— איצטער איז גוט!

אין א ווײַלע אַרום האָט ער זיך עפּיס דערמאַהנט און זיך געווענדט מיט א שמײכעלע צום סטרוזש:

— נו, און א לעמפּעלע פֿאַר דער איקאָנע פֿאַר וואָס צינדסטו ניט אָן?.. ביזט — חי-חי-חי-גאָר ניט קײן פֿרומער...

— איך וועל א לעמפּעלע אויך אָנצינדען! האָט דער סטרוזש זיך פֿערוואונדערט געענטפֿערט — האָטש א לעמפּעלע, פּאַנאָטשעק, איז אין מיטען וואָך ניט קײן חוב... ווי ווער עס וויל..

אברהם רײזען.

— נישקשה, צינד אָן! האָט קאַצאָווסקי געראַטען: יעדער דאַרף היטען זיין אמונה...

— דאָס איז אמת.. האָט דער סטרוזש בעשטעטינט, און האָט אויפגעהויבען די אויגען זיינע אויף קאַצאָווסקי׳ן מיט אַ בעהאַל־טענעם חשד.

קאַצאָווסקי האָט נעקוקט און מאָרנע געשמייכעלט...